ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# סנהדרין

בלשון הקודש
ואידיש

**273**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת סנהדרין

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש
בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל
בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען
יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה
לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את
הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי
ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על
עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א׳.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

דקסבר כל ערב שלאחר מתן מעות לא הוי ערב שלא על אמונת הערב והבטחתו הלוהו והע"פ שקילס ר' ישמעאל את בן ננס הלכה כרבי ישמעאל. וערב דלאחר מתן מעות בעי קנין ואי לא לא משתעבד ושלפני מתן מעות לא בעי קנין:

סליק מסכת בבא בתרא

ערב שהוא חייב. הלוהו ואני נותן לך חייב. שכן על אמונתו הלוהו. אמר רבי ישמעאל הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה גדול מהן. שהן כמעין הנובע. והרוצה שיעסוק בדיני ממונות. ישמש את שמעון בן ננס:

סליק מסכת בבא בתרא

# סנהדרין פרק א

דיני ממונות. דהיינו הודאות והלואות: בשלשה. הדיוטות. ולא אצרכוה רבנן לשלשה מומחין שלא תנעול דלת בפני לוין. שמא יכפור הלוה ולא ימצא מומחין לכופו לדין אלא יחיד מומחה. או שלשה הדיוטות. אבל גזילות וחבלות בשלשה מומחין. דהאלהים כתיב בפרשה ואומרים בוהלה שמשפטים ג' פעמים. ומינייה ילפינן שלשה מומחין: נזק. אדם או שור המועד שהזיקו דמשלמים נזק שלם: חצי נזק. שור תם שהזיק ואע"ג דהיינו חבלות

**דיני** ממונות בשלשה. גזילות וחבלות בשלשה. נזק וחצי נזק. תשלומי כפל. ותשלומי ארבעה וחמשה.

חַיָּב) נאָר װעלכער ערב דאַרף בּצאָהלין (הַלְוֵהוּ וַאֲנִי נוֹתֵן לָךְ חַיָּב) אַז לֵוִי זאָגט צו ראובן בּאָרג געלט צוּא שמעון אונ איך װעל דיר בּצאָהלין. דאַרף לֵוִי בּצאָהלין (שֶׁכֵּן עַל אֱמוּנָתוֹ הִלְוָהוּ) װאָרוּם װײל ראובן האָט געגלויבּט צוּא לֵוִי דריבּער האָט ער געגעבּין צוּא שמעון דאָס געלט. אִיז גלײך װיא לֵוִי אַלײן װאָלט גענוּמען דיא געלט פאַר זיך (אָמַר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל) הָט רבי ישמעאל ג זאָגט (הָרוֹצֶה שֶׁיַּחְכִּים) װער עס װיל קלוּג װערין (יַעֲסוֹק בְּדִינֵי מָמוֹנוֹת) זאָל ער לערנען דיא דינים פון געלט האַנדיל (שֶׁאֵין לָךְ מִקְצוֹעַ בַּתּוֹרָה גָּדוֹל מֵהֶן) עס איז ניטאָ קײן גרעסערע חכמה אין דיא תורה װיא אין דיא דינים פון דעם געלט האַנדיל (שֶׁהֵן כְּמַעְיָן הַנּוֹבֵעַ) דאָס איז אַזױ װיא אַקװאַל װאָס מער װאַסער מען שעפּט פון אים קוּמט אַלײן צוּא פרישערע װאַסער בּעסערע. אַזױ װאָס מער מען לערינט דיא דינים פון געלט האַנדיל קוּמט אַלײן צוּא נײע דינים מיט מער חכמה (וְהָרוֹצֶה שֶׁיַּעֲסוֹק בְּדִינֵי מָמוֹנוֹת) אונ װער עס װיל לערנען דיא דינים פון געלט האַנדיל (יְשַׁמֵּשׁ אֶת שִׁמְעוֹן בֶּן נַנָּס) זאָל ער בּדינען (לערנין) בּײא ר' שמעון בּן ננס. ער האָט אין דיא דינים גרױס חכמה:

פרק א א (דִּינֵי מָמוֹנוֹת בִּשְׁלֹשָׁה) דינים פון געלט זאַכין װאָז אײנער מאָנט געלט בּײ זײן חבר. װאָס ער האָט אים פאַר בּאָרגט. אונ זײן חבר לײקנט) משפּטין דרײא דײנים אפילו פּראָסטע מענטשין ניט קײן לומדים (גְּזֵלוֹת וַחֲבָלוֹת בִּשְׁלֹשָׁה) אַז ראובן מאָנט בּײא שמעון ער האָט בּײא אים גיגזלת. אָדער ער האָט אים גיבּײלט. משפּטין דרײא דײנים לומדים (נֶזֶק) אַז ראובן מאָנט בּײא שמעון ער האָט אים גיטאָהן אַשאָדין. אָדער שמעונס אָקס האָט גיטאָהן אַשאָדין צוּא ראובן (וַחֲצִי נֶזֶק) אָדער ראובן מאָנט בּײא שמעון זײן אָקס הָט אים גיטאָהן אַשאָדין. נאָר װײל דער אָקס האָט ניטאָהן דעם שאָדין דאָס ערשטע מאָהל דאַרף ער נאָר בּצאָהלין אַהאַלבּין שאָדין (תַּשְׁלוּמֵי כֶּפֶל) אויב שמעון האָט גיגנבת בּײא ראובן. דאַרף שמעון בּצאָהלין צװײא מאָהל אַזױ פיל װיא ער האָט גיגנבת (וְתַשְׁלוּמֵי אַרְבָּעָה

בשלשה. האונס והמפתה. והמוציא שם רע. בשלשה. דברי רבי מאיר. וחכ"א מוציא שם רע בעשרים ושלשה. מפני שיש בו דיני נפשות: ב מכות. בשלשה. משום רבי ישמעאל אמרו בעשרים ושלשה. עבור החדש בשלשה. עבור השנה בשלשה. דברי רבי מאיר. רבן שמעון בן גמליאל אומר בשלשה מתחילין. ובחמשה

איידי דבעי למתני תשלומי כפל ותשלומי ארבעה וחמשה. שאינו משלם כמו מה שהזיק שמשלם יותר תנא נמי חצי נזק שאינו משלם כמו שהזיק שהרי משלם פחות ואיידי דתנא חצי נזק. תנא נמי נזק: והמוציא שם רע. לא מצאתי לבתך בתולים וענשו אותו מאה כסף: דיני נפשות. דאם אמת היה הדבר ונסקלת תחתיו וסקילה. ודיני נפשות בכ"ג. כדלקמן. והלכה כחכמים: ב מכות. מלקות ארבעים: בשלשה. דכתיב (דברים כה) ונגשו אל המשפט ושפטום. שנים ואין ב"ד שקול מוסיפין עליהם עוד אחד הרי כאן שלשה: ר׳ ישמעאל אומר בעשרים ושלש׳. אתיא רשע רשע. כתיב הכא (שם) והרשיעו את הרשע וכתיב התם (במדבר לה) אשר הוא רשע למות. מה להלן בכ"ג. אף כאן בכ"ג: עבור החדש. קדוש החדש ואיידי דבעי למתני עבור השנה. תנא נמי עבור החדש: בג׳ מתחילין. לראות

(וחמשה) אויב שמעון האט גינגבת ביא ראובן אאקס אדער אשעפס אונ ער האט אים גישאכטין אדער פאר קויפט. דארף שמעון בצאהלין פינף אקסין פאר דעם אקס אונ פיר שעפסין פאר דעם שעפס. דיא דינים משפטין (בשלשה) דריי דיינים לומדים (האונס והמפתה) אז איינער האט גיגייט אבתולה אדער ער האט איבער גירעט אבתולה. אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן. דארף ער געבין פופציג טאלער (והמוציא שם רע) אדער אמאן זאגט אויף זיין ווייב אשלעכטין נאמען אז זיא איז ניט גיוועזן קיין בתולה צוא דער חתונה. אונ עס איז גיפונען גיווארען אז ער זאגט ליגען. זיא איז יא גיוועזן אבתולה. דארף דער מאן ג׳ הונדערט טאלער (בשלשה) דיא דינים משפטין אויך דרייא דיינים לומדים (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (והחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (מוציא שם רע בעשרים ושלשה) אז אמאן זאגט אויף זיין ווייב אשלעכטין נאמען אז זיא איז ניט גיוועזן קיין בתולה. משפטין דרייא אונ צוואנציג דיינים (מפני שיש בו דיני נפשות) ווייל ביא דער זאך משפט מען דיא אשה אויך. אויב עס איז אמת אז זיא האט מזנה גיוועזן פאר דער חתונה דארף מען איר הרגנן. אונ הרגנן אמענטשין דארפין משפטין דרייא אונ צוואנציג דיינים: ב (מכות בשלשה) דרייא דיינים לומדים משפטין אמענטשין מען זאל אים שלאגין פערציג מלקות (משום רבי ישמעאל אמרו בעשרים ושלשה) פון רבי ישמעאלס וועגין האט מען גיזאגט אז נאר דרייא אונ צוואנציג דיינים מעגין משפטין מלקות. אבער ניט דריי (עיבור החודש בשלשה) אז עדות קומען זאגין זיא האבען גיזעהן דיא נייע לבנה מען זאל מאכען ראש חודש. מוזין זיא זאגין פאר דרייא דיינים (עיבור השנה בשלשה) אויב מען דארף מאכען דעם יאהר מעובר. צווייא מאל אדר. מוז דס גימאכט ווערין דורך דריי דיינים (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (בשלשה מתחילין) דרייא דיינים זאלין אן הייבען קלערין צוא מען דארף זעצין דיינים. זייא זאלען קלערין אויף דעם עיבור. אויב צווייא דיינים פון דיא דרייא זאגין מען דארף ניט זעצין דיינים דארויף. דער פאר וועט גוויס ניט זיין קיין עיבור. זעצט מען ניט קיין דיינים. אונ אויב צווייא דיינים זאגין מען דארף זעצין דיינים. זייא זאלין קלערין אויף דעם עיבור. זעצט מען נאך צוויי דיינים (בחמשה נושאין ונותנין) אונ אלע פינף דיינים קלערין אויב מען זאל מאכען אעיבור. אויב

נושאין ונותנין. וגומרין בשבעה. ואם גמרו בשלשה מעוברת: ג סמיכת זקנים. ועריפת עגלה. בשלשה. דברי רבי שמעון. ורבי יהודה אומר בחמשה. החליצה. והמיאונין. בשלשה. נטע

אם יש להושיב ב״ד על כך. אם אחד מהג׳ אומר צריך ב״ד ליושב ולעיין אם צריכה שנה לעבר מפני התקופה. והאביב והפירות. ושנים אומרים א״צ. שאין כאן ספק דודאי אינה צריכה עבור. בטל יחיד במעוטו. שנים אומרים ליושב. ואחד אומר שלא לישב. הולכין אחר השנים. ומוסיפין עוד שנים אחרים שישאו ויתנו בדבר. והרי כאן חמשה. שנים אומרים צריך לעבר. וג׳ אומרים א״צ בטלו שנים במיעוטן. שנים אומרים אינה צריכה וג׳ אומרים צריכה הולכים אחר הרוב ומוסיפין עוד שנים שיהיו שבעה ומעברין אותה ובגמרא מפרש דהני ג׳ חמשה ושבעה כנגד ברכת כהנים שיש בפסוק ראשון שלשה תיבות ובשני חמשה ובשלישי שבעה והלכה כרבי שמעון בן גמליאל: ג סמיכת זקנים. על ראש פר העלם דבר של צבור. ויש במשמעות הדברים גם מנוי הדיין שהגדול הסומך צריך שיצרף עמו שנים כשרוצה לסמוך חכם כדי שיקרא רבי וידון דיני קנסות. ולשון סמיכה משום דכתיב (במדבר כז) ויסמוך את ידיו עליו. ולא דבעי מסמך ידים עליה אלא בשמא קרו ליה רבי ואין סמיכה בחוצה לארץ. אלא צריך שהסומך והנסמך יהיו כולן בא״י ואז יהיה לו רשות לדון דיני קנסות ואפילו בח״ל. לפי שהסנהדרין נוהגת בין בארץ בין בחוץ לארץ. אחר שנסמכו בארץ. וכתב הרמב״ם שנראה לו בזמן שאין לנו סמוך איש מפי איש עד משה רבינו. אם היו מסכימים כל החכמים שבא״י לסמוך יחיד או רבים. הרי אלו סמוכים ויכולי׳ לדון דיני קנסות. ויש להן לסמוך לאחרים. והדבר צריך הכרע: ועריפת עגלה בשלשה. דכתיב (ויקרא ד) זקני העדה. מעוט׳ זקני׳ שנים. ואין ב״ד שקול. הוסיף עליהם עוד אחד הרי שלשה: ורבי יהודה אומר בחמשה. וסמכו. שנים. זקני. שנים. ואין בית דין שקול. הוסיף עליהם עוד אחד, הרי חמשה. והלכה כרבי יהודה: מצות חליצה בשלשה. דכתיב (דברים כ״ה) ונגשה יבמתו אליו לעיני הזקנים. זקנים שנים. ואין ב״ד שקול. הוסיף עליהם עוד אחד. הרי שלשה. ושנים אחרים שמוסיפים אינו אלא לפרסומי מלתא: מיאונין. קטנה יתומה שהשיאוה אמה ואחיה לדעתה ויוצאה במיאון שממאנת בבעלה.

---

דרייא פון דיא פינף זאגען דער יאהר דארף ניט זיין קיין עיבור. איז ער ניט קיין עיבור. אבער אז דרייא פון דיא פינף זאגין דער יאהר דארף זיין אעיבור. זעצט מען נאך צווייא דיינים. עס זאל זיין זיבען דיינים (וגומרין בשבעה) אונ דיא זיבן דיינים זאגין דער יאהר איז מעובר (ואם גמרו בשלשה מעובר) אויב דיא ערשטע דריי דיינים האבען באלד גיזאגט דער יאהר זאל זיין מעובר. איז ער מעובר: ג (סמיכת זקנים) אז אלע יודין האבען גיזינדיגט אונ ברייגגען א קרבן. דיא אלטע לייט פון דיא סנהדרין דארפין ארויף לייגען זייערע הענט אויף דעם קרבן איידער מען שעכט איהם (ועריפת עגלה) אז מען געפינט א גיהרגתין מענטש. אונ מען ווייס ניט ווער האט איהם גיהרגת. דיא שטאט וואס איז נעהנטער צום גיהרגתין דארפין דיא מענטשין פון שטאט ברייגגען א קאלב. אונ מען האקט איר אפ דעם קאפ. אונ דיא אלטע לייט פון דיא סנהדרין דארפין ארויס גיין מעסטין צוא זעהן וועלכע שטאט איז נעהנטער צוא דעם גיהרגתין (בשלשה) איז גינוג דרייא אלטע לייט (דברי רבי שמעון) אזוי זאגט רבי שמעון. אונ רבי יהודה זאגט (בחמשה) עס מוז זיין פינף אלטע לייט (החליצה) אז איינר גיט חליצה זיין ברודערס ווייב וואס ער איז גישטארבין אן קינדער (והמיאונין) איתומה אקליינע וואס איז ניט אלט קיין צוועלף יאהר. אונ איר פאטער איז גישטארבין. אונ איר מוטער אדער איר ברודער האבין איר חתונה גימאכט. אויב זיא זאגט נאך דיא חתונה זיא וויל ניט

רבעי . ומעשר שני שאין דמיו ידועין. בשלשה . ההקדשות . בשלשה . הערכין המטלטלין בשלשה. רבי יהודה אומר אחד מהן כהן . והקרקעות . תשעה וכהן. ואדם כיוצא בהן: ד דיני נפשות בעשרים ושלשה . הרובע והנרבע בעשרים ושלשה. שנא' (ויקרא כ) והרגת את האשה ואת הבהמה. ואומר (שם) ואת הבהמה תהרוגו. ש"ר

צריך שיהיה בשלשה · וביבמות מוכח דמיהון בפני שנים מספיק : נטע רבעי . אם בא לחללו על המעות . וכן מעשר שני ואין דמיהן ידועים. כגון פירות והרקיבו. שאין להם שער ידוע : ההקדשות . הבא לפדותן צריך שלשה לשומן : הערכין המטלטלין . הרי שאמר ערך פלוני עלי. ואין לו מעות ליתן כפי הדמים הקצובים בפרשה ובא ליתן מטלטלין צריך ג' לשום אותן מטלטלים: אחד מהן כהן · דבערכין כהן כתיב (ויקרא כז) כערכך הכהן: והקרקעות · ואם אין לו מטלטלין ובא ליתן קרקע צריך שישומו עשרה אנשים ואחד מהן כהן אותה קרקע שיהיה כפי הערך שיש עליו ליתן: ואדם כיוצא בהן ואם אמר דמי פלוני עלי שמין אותו כמה הוא יפה לימכר בשוק ונותן דמיו צריך ג"כ שיהיו עשרה וא' מהן כהן בשומא זו : ד והרגת את האשה ואת הבהמה . שהיא רובע והתקע לאשה . אם

דעם מאן . גייט זיא ארויס פון מאן אונ דארף ניט קיין גט (בשלשה) דאס דארף זיין פאר דרייא דיינים (נטע רבעי) דיא פלאנצונג פון פערטין יאהר . אז מען פלאנצט אבוים דיא פירות וואס וואקסט דיא ערשטע דריי יאהר טאר מען ניט עסין . אונ דיא פירות וואס וואקסט דעם פערטין יאהר דארף מען פירען אין ירושלים אונ זייא דארטין עסין . אדער ער טאהשט אויס דיא פירות אויף געלט אונ ער פירט דיא געלט אין ירושלים (ומעשר שני שאין דמיו ידועין) אונ אז איינער האט פירות פון מעשר שני . דארף מען פירען די פירות אין ירושלים . אדער ער טאהשט אויס דיא פירות אויף געלט אונ ער פירט דיא געלט אין ירושלים . אויב מען ווייס ניט וויא פיל דיא פירות זענין ווערט (בשלשה) דארפין דרייא מענטשין שאצין וויא פיל דיא פירות זענין ווערט (ההקדשות) אז איינער האט געהייליגט אזאך . אונ ער וויל דיא זאך אויס לייזין (בשלשה) דארפין דריי מענטשין שאצין וויא פיל דיא זאכען זענין ווערט (הערכין המטלטלין) אז איינער זאגט איך וועל געבין צוא הקדש וויא פיל דיא תורה האט מיך געשאצט (אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה בחקתי) . אונ ער הט ניט קיין געלט צוא געבין נאר ער גיט אזעלכע זאכען וואס זענין ווערט געלט (בשלשה) דארפין דרייא מענטשין שאצין דיא זאכען וויא פיל זייא זענען ווערט . רבי יהודה זאגט (אחד מהן כהן) איינער פון דיא דרייא דארף זיין אכהן (והקרקעות) אונ אויב ער גיט פעלדער פאר דעם געלט (אדער ער האט געהייליגט אפעלד אונ ער וויל אויס לייזין) (תשעה וכהן) דארפין שאצין דיא פעלד צעהן מענטשין . איין כהן אונ ניין לוים אדער ישראלים (ואדם כיוצא בהן) אויב אמענטש האט געזאגט וויא פיל איך בין ווערט וועל איך געבין צוא הקדש . דארפין צעהן מענטשין אים שאצין וויא פיל ער איז ווערט מען זאל אים פאר קויפען פאר אקנעכט . איינער דארף זיין אכהן אונ ניין לוים אדער ישראלים : ד (דיני נפשות בעשרים ושלשה) אז מען דארף משפטין אמענטשין צום הרגנן . דארף זיין דרייא אונ צוואנציג דיינים (הרובע והנרבע בעשרים ושלשה) אויב אבהמה אזכר האט מזנה געווען מיט אמענטש אנקבה . אדער אמענטש אזכר האט מזנה געווען מיט אבהמה אנקבה אז מען משפט די בהמה דארף זיין דרייא אונ צוואנציג דיינים (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (והרגת את האשה ואת הבהמה) דוא זאלסט הרגנן דיא אשה אונ דיא בהמה וואס האט מיט איר מזנה געווען (ואומר) אונ נאך א פסוק שטייט (ואת הבהמה תהרוגו) אונ דיא בהמה וואס

אמענטש

הנסקל בעשרים ושלשה. שנאמר (שמות כא) השור יסקל וגם בעליו יומת. כמיתת בעלים כך מיתת השור. הזאב והארי הדוב והנמר והברדלס והנחש. מיתתן בעשרים ושלשה. רבי אליעזר אומר כל הקודם להרגן זכה. רבי עקיבא אומר מיתתן בכ"ג:

ה אין דנין לא את השבט. ולא את נביא השקר. ולא את כהן גדול. אלא על פי ב"ד של שבעים ואחד. ואין מוציאין למלחמת הרשות. אלא

אשה בכ"ג אף בהמה בכ"ג ואומר ואת הבהמה תהרגו בנרבע כתיב למדנו רובע ונרבע: כמיתת הבעלים. כלומר כמו שהיה הבעל נדון בכ"ג. אם היה חייב מיתה: כל הקודם להורגן זכה. כשהמיתו את האדם. וא"צ להביאם לב"ד: ר"ע אומר כו׳. בגמרא מפרש דאיכא בין ת"ק לר"ע נחש. דלת"ק נחש מיתתו בכ"ג. ולר"ע. הזאב והארי והדוב והנמר והברדלס מיתתן בעשרים ושלשה אבל נחש הקודם להרגו זכה. שהסלק המזיק מן העולם. והלכה כר"ע: ה את השבט. רובו של שבט שעבדו ע"ג ובמזיד. אין דנין אלא בב"ד של שבעים ואחד דכתיב (דברים יז) והוצאת את האיש ההוא או את האשה ההיא אל שעריך איש ואשה אתה מוציא אל שעריך. ואי אתה מוציא את השבט אל שעריך אלא בב"ד הגדול: ולא את נביא השקר. גמר דבר דבר מזקן ממרא. כתיב הכא (שם יח) אשר יזיד לדבר דבר. וכתיב בזקן ממרא (שם יז) כי יפלא ממך דבר. מה זקן ממרא בב"ד הגדול דכתיב (שם) וקמת ועלית. אף נביא שקר בב"ד הגדול: ולא את כ"ג. דא"ק (שמות יח) את הדבר הגדול יביאו אליך דבריו של גדול יביאו אליך ומשה במקום שבעים ואחד קאי: ואין מוציאין למלחמת הרשות. כל מלחמה חוץ ממלחמת שבעה עממין ומלחמת

---

אמענטש אזכר האט מיט איר מזנה געווען זאל מען אויך הרגנען. גלייכט מען דיא בהמה צום מענטש. אזוי וויא דעם מענטש וואס איז מזנה מיט דיא בהמה משפטין אים דרייא און צוואנציג דיינים. אזוי די בהמה משפטין איר אויך דריי און צוואנציג דיינים (שור הנסקל) אאקס וואס מען דארף אים הרגנען מיט שטיינער. וויל ער האט גיהרגת אמענטש (בעשרים ושלשה) משפטין אים דרייא און צוואנציג דיינים (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (השור יסקל) דעם אקס זאל מען הרגנען מיט שטיינער (וגם בעליו יומת) און דעם בעל הבית זאל מען אויך הרגנען (כמיתת בעלים כך מיתת השור) אזוי וויא מען הרגת דעם בעל הבית דורך דרייא און צוואנציג דיינים. אזוי הרגת מען דעם אקס אויך דורך דריי און צוואנציג דיינים (הזאב והארי והדוב והנמר והברדלס והנחש) אוואלף און אלייב און אבער און אלעמפערט און אברדלס און אשלאנג אויב זייא האבין גיהרגת אמענטשין (מיתתן בעשרים ושלשה) הרגת מען זייא אויך דורך דריי און צוואנציג דיינים. רבי אליעזר זאגט (כל הקודם להורגן זכה) ווער עס הרגת זייא פריער. און ווארט ניט אויף דיא דיינים ביז זייא וועלין אים משפטין. האט ער אמצוה. רבי עקיבא זאגט אשלאנג ווער עס הרגת אים פריער האט אמצוה. און מען דארף ניט ווארטין אויף דיא דיינים. נאר דיא איבעריגע פינף חיות (מיתתן בעשרים ושלשה) הרגת מען זייא דורך דריי און צוואנציג דיינים: ה (אין דנין לא את השבט) אויב אגאנצער שבט אדער דאס מערסטע מענטשין פון דעם שבט האבין געדינט עבודת גלולים. משפט מען זייא אנדערש ניט נאר דורך איין און זיבעציג דיינים (ולא את נביא השקר) אפאלשין נביא משפט מען אויך אנדערש ניט נאר דורך איין און זיבעציג דיינים (ולא את כהן גדול אלא בבית דין של שבעים ואחד) און אכהן גדול משפט מען אויך אנדערש ניט נאר דורך אבית דין פון איין און זיבעציג דיינים (ואין מוציאין למלחמת

עמלק קרויה מלחמת הרשות: אלא בב"ד של ע"א. דכתיב בדוד (ד"ה א' כז) ואחרי אחיתופל בניהו בן יהוידע. אחיתופל זה יועץ. בניהו בן יהוידע זו סנהדרין שהיה מופלא שבכלן. וכולן נגררים אחריו: על העיר. ירושלים שקדושתה גדולה משאר קדושת א"י: והעזרו'. קדושתה גדולה מקדושת ירושלים. וא"א לחדש קדוש' אלא בב"ד של ע"א דא"ק (שמות כ"ה) ככל אשר אני מראה אותך וגו' וכן תעשו לדורות מה משכן קדוש ע"פ משה שהוא במקום סנהדרי גדולה אף לתוס' עיר ועזרות ע"פ סנהדרי גדולה: ואין עושין סנהדראות לשבטים וכו'. כדאשכחן במשה דאוקי סנהדראות ומשה במקום ע' וא' קאי: אין עושין עיר הנדחת וכו'. דכתיב (דברים יז) והוצאת את האיש ההוא או את האשה ההיא איש ואשה אתה מוציא אל שעריך לב"ד שבעירך ואי אתה מוציא את כל העיר אל שעריך אלא לשער המיוחד:בספר. עיר המבדלת בין א"י לארץ שעכו"ם דכתי' מקרבך ולא מן הספר וטעמא דקרא. שמא ישמעו עובדי כוכבים ויבואו ויחריבו א"י לפיכך אין מניחין העיר תל עולם כמשפט עיר הנדח' אבל הורגין את יושביה בלבד: ולא ג'

**על פי ב"ד של שבעים ואחד. אין מוסיפין על העיר. ועל העזרות. אלא על פי בית דין של שבעים ואחד. אין עושין סנהדריות לשבטים. אלא על פי בית דין של שבעים ואחד. אין עושין עיר הנדחת. אלא על פי בית דין של שבעים ואחד. ואין עושין עיר הנדחת בספר ולא שלשה. אבל עושין**

---

הרשות) ווען דיא יודין זענען געוועזן אין ארץ ישראל האט מען ניט געטארט נעמען יודין זיי זאלין גיין צוא אמלחמה (אלא על פי בית דין של שבעים ואחד) נאר סיידין דער בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים האבען געהייסען גיין צוא דיא מלחמה ואלע מלחמות וואס יודין האבען גיהאט אין ארץ ישראל ווערין גירופען "מלחמת הרשות" ווארום אז מען וויל גייט מען אונ אז מען וויל ניט גייט מען ניט. אויסער דיא מלחמה פון עמלק אונ די מלחמה מיט דיא זיבן פעלקער ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. דיא מלחמה האבין דיא יודין גימוזט מלחמה האלטין (אין מוסיפין על העיר) מען טאר ניט פאר גרעסערין די שטאט ירושלים (ועל העזרות) אונ מען טאר ניט פאר גרעסערין אויף דיא עזרות ודיא שטובין וואס זענען געוועזן אין הויף פון בית המקדש רופט מען עזרות (אלא על פי בית דין של שבעים ואחד) נאר דורך בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים (אין עושין סנהדריות לשבטים) מען טאר ניט מאכען דיינים צוא דיא שבטים (אלא על פי בית דין של שבעים וא'ד) נאר דורך דעם בית דין פון דיא איין אונ זיבעציג דיינים. דיא איין אונ זיבעציג דיינים נעמען אויף דיינים צוא אלע שבטים (אין עושין עיר הנדחת) אז אגאנצע שטאט אדער דאס מערסטע מענטשין פון שטאט האבען געדינט עבודת גלולים. ווערט דיא שטאט גירופען "עיר הנדחת" אפארשטוסענע שטאט. זיא איז פאר שטויסען געווארין צוא דינען עבודת גלולים אונ אלע מענטשין פון שטאט דארף מען הרגנן אפילו דיא וואס האבין ניט געדינט. אונ ווייבער אונ קינדער. אונ דאס פאר מעגין פון שטאט דארף מען פאר ברענין. אונ דאס אלין ווערט אנדערש ניט גמשפט (אלא בבית דין של שבעים ואחד) נאר דורך בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים (ואין עושין עיר הנדחת בספר) מען טאר ניט מאכן די שטאט פאר אעיר הנדחת. אויב דיא שטאט שטייט ביא אגרענעץ. מען הרגת נאר דיא מענטשין וואס האבען געדינט עבודת גלולים. ניט מעהר (ולא שלש) אויב דריי שטעט וואס זענען נאנט איינע צוא דיא אנדערע האבען געדינט עבודת גלולים. ווערין זייא ניט קיין עיר הנדחה. מען הרגת נאר דיא וואס האבען געדינט עבודת גלולים. ניט מעהר (אבל עושין

אחת או שתים: ך סנהדרי גדולה. היתה של שבעים ואחד. וקטנה של עשרים ושלשה. ומנין לגדולה שהיא של שבעים ואחד. שנאמר (במדבר יא) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל. ומשה על גביהן. הרי שבעים ואחד. רבי יהודה אומר שבעים. ומנין לקטנה שהיא של עשרים ושלשה. שנאמר (שם לה) ושפטו העדה והצילו העדה. עדה שופטת ועדה מצלת. הרי כאן עשרים. ומנין לעדה שהיא עשרה שנאמר (שם יד) עד מתי לעדה הרעה הזאת. יצאו יהושע וכלב. ומנין להביא עוד שלשה. ממשמע שנאמר (שמות כג) לא תהיה אחרי רבים לרעות. שומע

עיירות. עיר הנדחת בב"ד אחד ובמקום אחד. כלומר קרובים זו לזו אבל בפנים ושלשה מקומות עושים: ך ומשה על גביהן הרי ע"א. דאמר קרא (במדבר י"א) ונשאו אתך. ואת בהדייהו: ר' יהודה אומר שבעים. דדריש אתך. בדומין לך. ולא הייתה הוא יושב עמהן בדין ואין הלכה כר' יהודה: עדה שופטת. עשרה מחייבין: עדה מצלת. עשרה מזכין. ושמעינן מינה דצריך שיהיו כ' שאם

---

א_ת או שתים) אבער אז איין שטאט האט געדינט עבודת גלולים. אדער צוויא שטעט גאנץ איינע צוא דיא אנדערע. האבען געדינט עבודת גלולים. ווערין זייא אעיר הנדחת (עיין תי"ט): ך (סנהדרין גדולה היתה של שבעים ואחד) דער בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים ווערט גירופען דיא גרויסע סנהדרין (וקטנה של עשרים ושלשה) אונ דער בית דין פון דרייא אונ צוואנציג דיינים ווערט גירופען די קליינע סנהדרין (ומנין לגדולה שהיא של שבעים ואחד) פון וואנען ווייסען מיר אז דיא גרויסע סנהדרין דארפין זיין איין אונ זיבעציג דיינים (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צוא משה (אספה לי שבעים איש מזקני ישראל) דוא זאלסט פערזאמלען זיבעציג מענטשין פון דיא אלטע יודין (ומשה על גביהן) אונ משה זאל זיין איבער זייא (הרי שבעים ואחד) איז דאך איין אונ זיבעציג. ווארום דער תנא האלט אז משה איז גיזעסין מיט זייא צו זאמען ווען זייא האבן גמשפט. רבי יהודה זאגט (שבעים) מען דארף נאר זיבעציג דיינים ווארום דיא זיבעציג דיינים אליין האבין גמשפט אן משה. נאר אז זייא האבען אדין נישט גיוואסט האבען זייא גיפרעגט בייא משה (ומנין לקטנה שהיא של עשרים ושלשה) פון וואנען ווייסען מיר אז דיא קליינע סנהדרין דארפין זיין פון דרייא אונ צוואנציג דיינים (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ושפטו העדה והצילו העדה) דיא עדה זאל משפטין ופאר שולדיגין) אונ דיא עדה זאל מציל זיין (גירעכט מאכין) (עדה שופטת) דארף זיין אעדה. צעהן מענטשין) וואס זאלין פאר שולדיגען (ועדה מצלת) אונ עס דארף זיין אעדה (צעהן מענטשין) וואס זאלען גירעכט מאכען (הרי כאן עשרים) איז צוואנציג דיינים (ומנין לעדה שהיא עשרה) פון וואנען ווייסען מיר אז אעדה איז צעהן מענטשין (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט אויף דיא מרגלים (עד מתי לעדה הרעה הזאת) ביז ווייא לאנג וועל איך שווייגין דיא שלעכטע עדה (יצאו יהושע וכלב) אויסער יהושע אונ כלב. יהושע אונ כלב האט גאט ניט גימיינט אין דיא עדה. אונ אן יהושע מיט כלב איז דאך נאר גיוועןצעהן מרגלים. ווערין דאך צעהן מענטשין גירופען עדה (ומנין להביא עוד שלשה) פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף נאך דרייא דיינים (ממשמע שנאמר) ווייל עס שטייט אין פסוק (לא תהיה אחרי רבים לרעות) דוא זאלסט ניט זיין נאך דיא מערערע צוא שלעכטין. דער פסוק מיינט אויב דיא וואס זאגין שלעכטס זענען מיט איינעם מער ווייא דיא וואס זאגין גוטס. זאל ניט בלייבין אויף שלעכטס (שומע אני שאהיה עמהם לטובה) פאר שטייען מיר אבער אז דיא וואס זאגין גוטס זענען מיט איינעם

אני שאהיה עמהם לטובה. א"כ למה נאמר (שם) אחרי רבים להטות . לא כהטייתך לטובה . הטייתך לרעה . הטייתך לטובה ע"פ אחד . הטייתך לרעה ע"פ שנים . ואין ב"ד שקול מוסיפין עליהם עוד אחד . הרי כאן עשרים ושלשה . וכמה יהא בעיר ותהא ראויה לסנהדרין. מאה ועשרים. רבי נחמיה אומר מאתים ושלשים . כנגד שרי עשרות :

יחלקו יהיו י' מחייבין . ועשרה מזכין : הטייתך לרעה ע"פ שני' . והכי קאמר קרא לא תהיה אחרי רבים לרעות לחייב ע"פ אחד שיהיה יתר על המזכין . אבל אחרי רבים להטות בשנים אפילו לרעות . כשיהיו שנים מחייבין יותר על המזכין . הלכך ע"כ כ"ג בעינן דבציר מעשרה מזכין ליכא למימר . דהא כתיב והצילו העדה . ותו לא משכחת הטייה בבציר משנים עשר : ואין בית דין שקול . אין עושין ב"ד זוגות שאם יחלקו לחצאים הוי להו פלגא ופלגא . ולא משכחת לה הטייתך לטובה על פי אחד . הלכך מוסיפין עליהם עוד אחד . והוו להו עשרים ושלשה : מאה ועשרי'. מפרש בגמרא עשרים ושלשה סנהדרי קטנה וג' שורות של כ"ג כ"ג יושבים לפניהם שאם הוצרכו להוסיף על הדיינים מוסיפים מהם ועשרה בטלנים עשרה בני אדם בטלי' מכל מלאכה . שיושבים תמיד בבית המדרש . ושני סופרים לכתוב דברי המזכין . ודברי המחייבין . ושני חזנים שמשי בית דין להלקות החייב ולהזמין בעלי הדין . ושני בעלי דינין ושני עדים ושני זוממין ושני זוממי זוממין . וב' גבאים ושלישי לחלק הצדקה שצדקה נגבית בשני' ומתחלקת בשלשה . ורופא ואומן להקיז דם . ולבלר . ומלמד תינוקות. הרי ק"ך : מאתי' ושלשי'. כדי שהי עשרות דהיינו כ"ג עשיריות שיהא כל דיין שר של עשרה. דבציר מעשרה לא אשכחן שררה . ואין הלכה כר' נחמיה :

---

מער ווי די וואס זאגין שלעכטס. זאל בלייבין אויף גוטס (אם כן למה נאמר אחרי רבים להטות) אויב אזוי צוא וואס זאגט דער פסוק מען זאל גיין נאך דיא מערערע צוא גוטין . מיר ווייסען דאך שוין פון יענעם פסוק אז צוא גוטין דארף מען גיין נאך דיא מערערע . ענטפערט דיא משנה אזוי מיינט מען (ולא כהטייתך לטובה הטייתך לרעה) נישט וויא דוא גייסט צוא גוטין נאך דיא מערערע זאלסטו גיין צוא שלעכטין נאך דיא מערערע (הטייתך לטובה על פי אחד) צוא גוטין גייט מען דורך איינעם . אז דיא וואס זאגין גוט זענען מיט איינעם מער וויא דיא וואס זאגין שלעכט . בלייבט צוא גוטין (הטייתך לרעה על פי שנים) אבער צוא שלעכטין גייט מען נאר דורך צוויא . אויב דיא וואס זאגין שלעכט זענען מיט צוויא מער וויא דיא וואס זאגין גוט . בלייבט שלעכט . אבער אז זייא זענען נאר מיט איינעם מער . בלייבט ניט צו שלעכט . מוז דאך שוין זיין צוויי און צוואנציג דיינים . צעהן וואס זאלין זאגין גוטס . און צוועלף וואס זאלין זאגין שלעכטס . דיא וואס זאגין שלעכטס זאלין זיין מיט צוויא מער (ואין בית דין שקול) בית דין דארף ניט זיין גלייכע פארין . טאמער וועט אמאהל זיין עלף וועלין זאגין גוט און עלף וועלען זאגען שלעכט . וועט מען ניט קענען פסקנן דעם דין (מוסיפין עליהם עוד אחד) מעהרט מען אויף זיי נאך איינעם (הרי כאן עשרים ושלשה) איז דרייא און צוואנציג דיינים . וועט קענען זיין צוא גוטין מיט איינעם מער . און צו שלעכטין מיט דריי מעהר (וכמה יהא בעיר ותהא ראויה לסנהדרין) וויא פיל מענטשין זאלין וואהנען אין אשטאט וואס מען זאל דארפין מאכען אין דיא שטאט דיינים (מאה ועשרים) הונדערט און צוואנציג מענטשין אויב עס וואהנען אין אשטאט . דארף מען מאכען דיינים פון זייערטוועגין . רבי נחמיה זאגט (מאתים ושלשים) אויב עס וואהנען אין שטאט צוויי הונדערט און דרייסיג מענטשין . דארף מען מאכען דיינים פון זייערטוועגין (כנגד שרי עשרות) יעדער דיין זאל זיין

אשר

פרק ב **כהן** גדול. אינו יוצא אחר המטה. דלמא אתי למנגע מתוך טרדתו. ורחמנא אמר (ויקרא כא) ועל כל נפשות מת לא יבא: הן נכסין והוא נגלה. כיון שנכסו נושאי המטה מן המבוי כלו' שיצאו ממנו. הוא נגלה ונכנס בתוכו. אבל כל זמן שהן נגלין ונראין במבוי. הוא נכסה ממנו שאינו נכנס לתוכו: ויוצא עמהן עד פתח העיר. שבעיר מלוין מבואות ויכול להתכסות מהן. אבל חוץ לעיר ליכא הכירא: שנאמר ומן המקדש לא יצא. רבי יהודה דריש ומן המקדש לא יצא כל עיקר. ור' מאיר דריש ומקדושתו לא יצא. כלומר יזהר שלא יבוא לידי מגע. ובתוך העיר ש"ש מבואות איכא היכרא ומזדהר. והלכה כר' יהודה: וכשהוא מנחם את אחרים: דבמת

פרק ב **כהן** גדול דן. ודנין אותו. מעיד. ומעידין אותו. חולץ. וחולצין לאשתו. ומייבמין את אשתו. אבל הוא אינו מיבם. מפני שהוא אסור באלמנה. מת לו מת. אינו יוצא אחר המטה. אלא הן נכסין. והוא נגלה. הן נגלין והוא נכסה. ויוצא עמהן עד פתח (שער) העיר. דברי רבי מאיר. רבי יהודה אומר אינו יוצא מן המקד'. שנאמ' (ויקרא כא) ומן המקד' לא יצא. וכשהוא מנחם אחרים. דרך

---

אשר אויף צעהן מענטשין. דריי אונ צוואנציג דיינים דארפין האבען צוויי הונדערט אונ דרייסיג מענטשין:

פרק ב א (כהן גדול דן ודנין אותו) א כהן גדול מעג זיין א דיין. ער זאל משפטין אנדערע. אונ מען מעג אים אויך משפטין (מעיד ומעידין אותו) ער מעג זיין א עדות. אונ מען מעג זיין עדות אויף איהם אויך (חולץ וחולצין לאשתו) אויב דער ברודער פון כהן גדול איז געשטארבען אן קינדער. דארף דער כהן גדול געבען חליצה צוא זיין ברודערס ווייב. אונ אויב דער כהן גדול איז געשטארבען אן קינדער. דארף דער ברודער פון כהן גדול געבען חליצה צוא דיא ווייב פון כהן גדול (ומייבמין את אשתו) אונ אויב דער ברודער וויל מיבם זיין [געמען פאר א ווייב] דיא ווייב פון כהן גדול וואס ער איז געשטארבען אן קינדער. מעג ער (אבל הוא אינו מיבם) אבער דער כהן גדול טאר ניט מיבם זיין [געמען פאר א ווייב] דיא ווייב פון זיין ברודער וואס ער איז געשטארבען אן קינדער (מפני שהוא אסור באלמנה) ווייל א כהן גדול טאר ניט געמען קיין אלמנה (מת לו מת) אויב איינער איז געשטארבען ביא דעם כהן גדול (אינו יוצא אחר המטה) טאר ניט דער כהן גדול גיין נאך דיא מטה וויא מען טראגט דעם מת צוא דיא קבורה (אלא הן נכסין והוא נגלה) נאר אז דיא וואס טראגין דעם מת ווערין צוא גידעקט [זייא גייען ארויס] פון דיא גאס. בעוויזט זיך [קומט ארויין] דער כהן גדול אין דיא גאס (הן נגלין) אבער אז דיא וואס טראגין דעם מת זענען אין גאס מיט דעם מת (והוא נכסה) מוז דער כהן גדול זיין צוא גידעקט [ארויס גיין] פון דיא גאס. אדער ארויין גיין אין א שטוב (ויוצא עמהן עד פתח העיר) אונ דער כהן גדול גייט נאך דיא לויה ביז צום טויער פון שטאט. אבער אויסער דיא שטאט טאר ער ניט גיין נאך דיא לויה. נאר ער מוז צוריק אהיים גיין (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט (אינו יוצא מן המקדש) דער כהן גדול טאר ניט ארויס גיין פון בית המקדש אויב איינער איז ביא אים געשטארבען (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ומן המקדש לא יצא) פון בית המקדש זאל ער ניט ארויס גיין (וכשהוא מנחם אחרים) אז דער כהן גדול טרייסט אנדערע אבלים. ווארום צוא א פרעמדע לויה מעג דער כהן גדול גיין. אונ דער מנהג איז גיוועזן פאר צייטין. אז דער אבל איז גיגאנגען פון דיא קבורה האט ער זיך גישטעלט אויף איין ארט (דרך כל

דכמת שאינו שלי כולי עלמא מודו דיכיל הוא לילך. דלא טריד ולא אתי למנגע וכשחוזרין מן הקברות ועומדין בשורה לנחם האבלים וכל העם עוברים זה אחר זה ומנחמין האבל שעומד במעמדו וכל אחד אומר לו תתנחם מן השמים: והממונה ממצעו. שהוא הולך לימין כהן גדול וכל העם משמאלו נמלא כ"ג באמצע: הממונה. הוא הסגן שהוא ממונה לעבוד

כל העם עוברין בזה אחר זה. והממונה ממצעו בינו לבין העם. וכשהוא מתנחם מא־רים כל העם אומרים לו אנו כפרתך. והוא אומר להן התברכו מן השמים. וכשמברין אותו. כל העם מסובין על הארץ והוא מיס' על הספס': **ב** המלך לא דן ולא דנין אותו. לא מעיד. ולא מעידין אותו. לא חולץ. ולא חולצין לאשתו. לא מיבם ולא מיבמין לאשתו. רבי יהודה אומר אם רצה לחלוץ או ליבם זכור לטוב. אמרו

תחת כהן גדול. אם יארע פסול בכ"ג ביוה"כ: אנו כפרתך. בנו תתכפר אתם. ואנחנו תחתיך לכל הראוי לבא עליך: וכשמברין אותו. שאבל אסור לאכול סעודה ראשונה משלו. וקרוביו ואוהביו מאכילין אותו: מסובין על הארץ. כן מלירין ומאכלין בלערו: והוא מיסב. בכבוד על הספסל: **ב** המלך לא דן ולא דנין אותו. ודווקא מלכי ישראל

---

העם עוברין זה אחר זה) אונ דאס גאנצע פאלק וואס זענען בייא דיא לויה גייען דורך פאר דעם אבל אונ זאגין צוא אים "תתנחם מן השמים" דוא זאלסט גיטרייסט ווערין פון גאט אונ אז דער כהן גדול דארף פאר בייא גיין פאר דעם אבל (והממונה ממצעו בינו לבין העם) זאל דער כהן וואס אונטער דעם כהן גדול וואס ער דארף טאהן ד' א' עבודה אום יום כפור אויב דער כהן גדול ווערט פסול) האלטין דעם כהן גדול אין מיטען צווישען זיך אונ צווישן דאס פאלק. דאס מיינט מען דער ממונה זאל גיין אין דיא רעכטע זייט פון כהן גדול אונ דאס גאנצע פאלק זאל זיין אין דיא לינקע זייט פון כהן גדול אונ דער כהן גדול אין מיטען. אונ זאלין אזוי צוא גיין נאנט פון אבל. אונ דער כהן גדול זאל זאגין צוא אים תתנחם מן השמים (וכשהוא מתנחם מאחרים) אונ אז דער כהן גדול איז א אבל אונ אנדערע דארפין אים טרייסטין (כל העם אומרים לו אנו כפרתך) זאל דאס גאנצע פאלק וואס זענען בייא דיא לויה זאגין צום כהן גדול מיר זענען דיין כפרה. אלין וואס דארף קומען אויף דיר זאל קומען אויף אונז (והוא אמר להם) אונ דער כהן גדול זאל זאגין צוא זייא (התברכו מן השמים) איר זאלט גיבענטשט ווערין פון גאט (וכשמברין אותו) אונ אז מען גיט דעם כהן גדול דיא ערשטע סעודה נאך דער קבורה (ווארום דיא ערשטע סעודה נאך דער קבורה מוז דער אבל עסין פון פרעמדע. אונ זיינע קרובים אונ גוטע פריינד עסין אויך מיט אים) (כל העם מסובין על הארץ) אלע מענטשין וואס עסין מיט אים דארפין זיצען אויף דיא ערד (והוא מיסב על הספסל) אונ דער כהן גדול זיצט אויף אקליינעם בייגקיל אנידערוגין: ב (המלך לא דן ולא דנין אותו) אמלך ישראל ניט ער משפט אונ ניט מען משפט אים (לא מעיד ולא מעידין אותו) ניט ער זאגט עדות אונ ניט מען זאגט עדות אויף אים (לא חולץ) ניט ער גיט חליצה זיין ברודערס ווייב אויב זיין ברודער איז גישטארבין אן קינדער (ולא חולצין לאשתו) אויב אמלך ישראל איז גישטארבין אן קינדער. דער ברודער פון מלך זאל ניט געבין חליצה צוא דיא ווייב פון מלך (לא מיבם) ער טאר ניט נעמען זיין ברודערס ווייב אויב זיין ברודער איז גישטארבין אן קינדער (ולא מיבמין לאשתו) אויב דער מלך ישראל איז גישטארבין אן קינדער. דער ברודער פון מלך טאר ניט נעמען דיא ווייב פון מלך. רבי יהודה זאגט (אם רצה לחלוץ או ליבם זכור לטוב) אויב דער מלך וויל געבין חליצה אדער מיבם זיין (נעמען) זיין

שאין נשמעים לדברי חכמים. אבל מלך ממלכי בית דוד דן ודנין אותו שנאמר (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה׳ דינו לבקר משפט: אין שומעין לו. דמלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול. וגנאי הוא לו שחולצין ויורק בפניו. וכל שאינה בת חליצה אינה בת יבום וכן הלכה: מלך נושא אלמנתו של מלך. והלכה כרבי יהודה בהא: ג אינו יוצא מפתח פלטרין שלו. שגנאי הוא למלך להראות עגמת נפש לפני העם: לפייס את העם. כדי שיכירו שלא בעצת דוד הרג יואב את אבנר. ואין הלכה כר״י: דרגש. מטה: ד למלחמת הרשות. מלחמת שאר אומות חוץ ממלחמת עמלק. ומלחמת

אמרו לו אין שומעין לו. ואין נושאין אלמנתו. רבי יהודה אומר נושא המלך אלמנתו של מלך. שכן מצינו בדוד שנשא אלמנתו של שאול שנאמר (שמואל ב יב) ואתנה לך את בית אדוניך ואת נשי אדוניך בחיקך: ג מת לו מת. אינו יוצא מפתח פלטרין שלו. רבי יהודה אומר אם רוצה לצאת אחר המטה יוצא. שכן מצינו בדוד שיצא אחר מטתו של אבנר. שנאמר (שם ג) והמלך דוד הולך אחר המטה. אמרו לו לא היה הדבר אלא לפייס את העם. וכשמברין אותו. כל העם מסובין על הארץ. והוא מיסב על הדרגש: ד ומוציא למלחמת הרשות על פי

---

ברודערס ווייב וואס ער איז געשטארבין אן קינדער. זאל דער מלך דער מאנט ווערין צוא נוטין (אמרו לו) האבין דיא חכמים געזאגט צוא רבי יהודה (אין שומעין לו) מען הערט אים ניט. מען לאזט אים ניט חליצה געבין אונ ניט מיבם זיין (ואין נושאין אלמנתו) אז א מלך ישראל שטארבט טאר מען ניט נעמען זיין אלמנה. רבי יהודה זאגט (נושא המלך אלמנתו של מלך) א מלך מעג נעמען דיא אלמנה פון א מלך (שכן מצינו בדוד שנשא אלמנתו של שאול) ווארום מיר געפינען אין פסוק אז דוד המלך האט גינומען דיא אלמנה פון שאול המלך (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צוא דוד המלך (ואתנה לך את בית אדוניך ואת נשי אדוניך בחיקך) איך האב גיגעבין צוא דיר דיא הויז פון דיין האר פון שאול אונ דיא ווייבער פון דיין האר ופון שאול) האב איך גיגעבין אין דיין שוים: ג. (מת לו מת) אויב איינער איז געשטארבין בייא דעם מלך (אינו יוצא מפתח פלטרין שלו) זאל ער ניט ארויס גיין פון זיין פאלאץ. רבי יהודה זאגט (אם רצה לצאת אחר המטה יוצא) אויב ער וויל גיין נאך דיא מטה מעג ער גיין (שכן מצינו בדוד שיצא אחר מטתו של אבנר) ווארום אזוי געפינען מיר בייא דוד המלך אז ער איז גיגאנגען נאך דיא מטה פון אבנר (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (והמלך דוד הולך אחרי המטה) דער קעניג דוד איז גיגאנגען נאך דיא מטה פון אבנר (אמרו לו) האבין דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (לא היה הדבר אלא לפייס את העם). די זאך וואס דוד איז גיגאנגען נאך דיא מטה פון אבנר איז נאר גיוועזן צוא ווייזן דעם פאלק אז ניט ער האט גיהרגעט אבנר. דאס פאלק זאל ניט זיין אין כעס אויף אים. דריבער האט דוד המלך גימעגט גיין נאך דיא מטה פון אבנר (וכשמברין אותו) אז מען גיט דעם מלך דיא ערשטע סעודה נאך דער קבורה (כל העם מסובין על הארץ) אלע מענטשין וואס עסין מיט אים דארפין זיצען אויף דיא ערד (והוא מיסב על הדרגש) אונ דער מלך זיצט אויף א נידעריגע זאפא: ד (ומוציא למלחמת הרשות על פי בית דין של שבעים ואחד) אויב דער מלך ישראל וויל נעמען פון דיא יודין חיל צוא א מלחמה ניט געגין עמלק אונ ניט געגין דיא זיבען אומות פון ארץ ישראל וואס יהושע האט מלחמה גיהאלטין. נאר געגין אנדערע אומות זאל ער פרעגין בייא דיא סנהדרין פון איין אונ זיבעציג דיינים

ב"ד של שבעים ואחד . ופורץ לעשות לו דרך . ואין ממחין בידו . דרך המלך אין לו שעור . וכל העם בוזזין ונותנין לפניו . והוא נוטל חלק בראש . לא ירבה לו נשים . אלא שמנה עשרה . רבי יהודה אומר מרבה הוא לו ובלבד שלא יהו מסירות את לבו . ר"ש אומר אפילו אחת ומסירה את לבו הרי זה לא ישאנה . אם כן למה נאמר (דברים יז) לא ירבה לו נשים . אפילו כאביגיל . (שם) לא ירבה לו סוסים . אלא כדי מרכבתו . (שם) וכסף וזהב לא ירבה לו מאד . אלא כדי ליתן אספניא . וכותב

ומלחמת שבעה עממין ✱ ופורץ . גדר של אחרים : לעשות לו דרך . ללכת לכרמו (ושדהו) ; ואין ממחין בידו · אין מעכבין עליו: חלק בראש . חלק היפה בורר לאמון . ונוטל מחלה מכל הבזה:אלא שמנה עשרה . שהרי דוד היו לו שש נשים וקאמר ליה נביא ואם מעט ואוסיפה לך כהנה וכהנה . כהנה קמא שית . בהנא שית . הרי י"ח: מרבה הוא לו . יותר מי"ח . ובהא מחלוקת יש בדבר. ת"ק סבר נושא י"ח ואפי' פרוצות הר מי"ח לא ישא ואפי' כשרות שהך סוא גזרת הכתוב . רבי יהודה סבר נושא י"ח ואפי' פרוצות . ויותר מי"ח . פרוצות לא ישא . וכשרות והגונות ישא כמו שירצה . ופליג את"ק בהדא . ר"ש סבר אפילו אחת פרוצה לא ישא . וכשרות והגונות לא ישא יותר משמנה עשרה . ופליג את"ק בהדא ואדר' יהודה בתרתי והלכה כתנא קמא : אלא כדי מרכבתו . דוקא סוסים בטלים להרחיב דעתו להתגדל ברוב סוסים (אסור) אבל כדי רכבו ופרשיו להלחם באויביו מותר: אספניא . שכר חיילות הנכנסים ויוצאים עמו כל השנה: וכותב לו ספר תורה

(ופורץ לעשות לו דרך) אונ דער מלך מעג הייסין אוים ברעכין אוואנט פון פרעמדע מענטשין מען זאל מאכין אוועג צוא זיין פעלד אדער צוא זיין ווייננארטין (ואין ממחין בידו) אונ מען טאר אים ניט ווערין (דרך המלך אין לה שיעור) דיא וועג פון אמלך האט ניט קיין מאס וויא ברייט זיא זאל זיין . נאר וויא ברייט מען דארף . אזוי מאכט מען (וכל העם בוזזין ונותנין לפניו) אונ דאס גאנצע פאלק רויבט אין דיא מלחמה אונ געבין אים (והוא נוטל חלק בראש) אונ דער מלך נעמט דיא העלפט פון דיא רויב . אונ ער נעמט דיא בעסטע העלפט . אונ דיא קעניגליכע אוצרות גיהער צום מלך אליין אין גאנצין (לא ירבה לו נשים) ער זאל ניט נעמען פיל ווייבער (אלא שמונה עשרה) נאר ביז אכטצעהן . רבי יהודה זאגט (מרבה הוא לו) ער מעג נעמען מעהר וויא אכטצעהן ווייבער . וויא פיל ער וויל (ובלבד שלא יהיו מסירות את לבו) נאר זיא זאלין זיין פרומע . זיא זאלין ניט אפטאהן זיין הארץ פון גאט . רבי שמעון זאגט (אפילו אחת ומסירה את לבו הרי זה לא ישאנה) אפילו דער מלך וויל נאר נעמען איין ווייב . אויב זיא איז ניט פרום אונ זיא וועט אפקערין זיין הארץ פון גאט . טאר ער זיא ניט נעמען (אם כן למה נאמר לא ירבה לו נשים) אויב אזוי צוא וואס שטייט אין פסוק ער זאל ניט נעמען פיל ווייבער . אפילו איינע אשלעכטע טאר ער אויך ניט נעמען (אפילו כאביגיל) אפילו זיא זענען אזוי פרום וויא אביגיל טאר ער אויך ניט נעמען מער וויא אכטצעהן (לא ירבה לו סוסים) ער זאל ניט האבין פיל פערד . זיא זאלין שטיין ליידיג (אלא כדי מרכבתו) נאר פיל ער דארף צוא זיינע רייטוועגין אונ פאר זיינע רייטער . אזוי פיל פערד מעג ער האבין . נאר ניט ליידיגע פערד וואס זאלין ניט האבין וואס צוא טאהן (וכסף וזהב לא ירבה לו מאד) ער זאל ניט איין זאמלען פיל זילבער אונ גאלד (אלא כדי ליתן אספניא) נאר וויא פיל ער דארף צוא בצאהלין זיינע חיל יעדער יאהר וועתי"ו (וכותב לו ספר תורה לשמו) אונ ער זאל שרייבין אספר תורה אויף דעם נאמען פון דיא מלוכה .

לו ספר תורה לשמו. יוצא למלחמה מוציאה עמו. נכנס מכניסה עמו. יושב בדין היא עמו. מיסב היא כנגדו. שנאמר (שם) והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו: **ה** אין רוכבין על סוסו. ואין יושבין על כסאו. ואין משתמשין בשרביטו. ואין רואין אותו כשהוא מסתפר ולא כשהוא ערום. ולא בבית המרחץ שנאמר (שם) שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך:

פרק שלישי **דיני** ממונות בשלשה זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד. ושניהן בוררין להן עוד אחד. דברי רבי מאיר. וחכמים

לשמו. חוץ מספר תורה שחייב כל אדם מישראל להיות לו ספר תורה והיא מונחת בבית גנזיו. וס"ת שכותב לשמו כשהוא מלך נכנס ויוצא עמו תמיד: מיסב. על השלחן: **ה** כשהוא מסתפר. כשמגלח שער ראשו: פרק ג **זה** בורר לו אחד: אחד מהבעלי דינין בורר לו דיין אחד לזכותו ולהפוך בזכותו. וכן השני בורר לו דיין אחד. ושני הבעלי דינים ביחד בוררים להם עוד דיין שלישי ומתוך כך יצא דין אמת לאמתו דלייתי בעלי דינים דינא ואמרי קושטא קא דייני לן דסבר החייב הרי אני בעצמי בררתי האחד ואם היה יכול להפך בזכותי היה מהפך. והדיין הג' בעצמו נוח לו להפך בזכות שניהם. מפני שניהם בירכו אותו: וחכ"א שני הדיינים בוררים להם אחד. בלא דעת הבעלי דינים כדי שלא יהיה לבו של זה השלישי נוטה אצל אחד מהן. והלכה כחכמים:

---

אויסער דיא סֵפֶר תּוֹרָה וואס יעדער יוד איז מְחוּיָב צוא שרייבן. מוז ער שרייבן נאך אַסֵפֶר תּוֹרָה ווייל ער איז אַמֶלֶךְ. דיא סֵפֶר תּוֹרָה וואס ער האט געשריבן ווייל ער איז אַיוד זאל זיא ליגען אין זיינע אוֹצָרוֹת. צוא זאמען מיט אַלע טייערע זאכין. אונ דיא סֵפֶר תּוֹרָה וואס ער האט געשריבען ווייל ער איז אַמֶלֶךְ (יוֹצֵא לַמִּלְחָמָה) אז ער גייט אין אַמִלְחָמָה (מוֹצִיאָה עִמּוֹ) נעמט ער דיא סֵפֶר תּוֹרָה מיט זיך (נִכְנַס מַכְנִיסָהּ עִמּוֹ) אז ער גייט אַריין פון דיא מִלְחָמָה צוריק אַהיים. זאל ער גיט אַוועק שטעלין דיא סֵפֶר תּוֹרָה. נאר ער האלט זיא מיט זיך (יוֹשֵׁב בְּדִין) אונ ער זיצט מִשְׁפָּטִין עהי"ט ות"י (הִיא עִמּוֹ) זאל זיין די סֵפֶר תּוֹרָה מיט אים (מֵיסֵב) אז ער זעצט זיך צום עסין (הִיא כְּנֶגְדּוֹ) זאל די סֵפֶר תּוֹרָה ליגען אַנְקעגין אים (שֶׁנֶּאֱמַר) וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק (וְהָיְתָה עִמּוֹ וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו) דיא סֵפֶר תּוֹרָה זאל זיין מיט אים (מיט דעם מֶלֶךְ) אונ ער זאל לייענען אין דיא סֵפֶר תּוֹרָה אַזוי לאנג וויא ער וועט לעבן: ה (אֵין רוֹכְבִין עַל סוּסוֹ) מען טאר ניט רייטין אויף זיין פערד (וְאֵין יוֹשְׁבִין עַל כִּסְאוֹ) אונ מען טאר ניט זיצען אויף זיין שטוהל (וְאֵין מִשְׁתַּמְּשִׁין בְּשַׁרְבִיטוֹ) אונ מען טאר ניט ניצען מיט זיין רוט (וְאֵין רוֹאִין אוֹתוֹ כְּשֶׁהוּא מִסְתַּפֵּר) אונ מען טאר ניט זעהן דעם מֶלֶךְ ווען מען גאלט אים (וְלֹא כְּשֶׁהוּא עָרוֹם) אונ מען טאר אים ניט זעהן ווען ער איז נאקעט (וְלֹא בְּבֵית הַמֶּרְחָץ) אונ מען טאר אים ניט זעהן ווען ער איז אין באד (שֶׁנֶּאֱמַר) וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק (שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ) דוא זאלסט טאהן אויף דיר אַמֶלֶךְ (שֶׁתְּהֵא אֵימָתוֹ עָלֶיךָ) עס זאל זיין אויף דיר דיא מורא פון מֶלֶךְ:

פרק ג א (דִּינֵי מָמוֹנוֹת בִּשְׁלֹשָׁה) געלט זאכען ווערט גמִשְׁפָּט דורך דרייא דַיָּנִים. אויב רְאוּבֵן מאנט ביא שִׁמְעוֹן געלט. אונ שִׁמְעוֹן לייקונט. אָדער אַנדערע טַעֲנוֹת וואס שִׁמְעוֹן האט צוא רְאוּבֵן. זאל אַזוי זיין (זֶה בּוֹרֵר לוֹ אֶחָד) זאל רְאוּבֵן אויס קלויבן איין דיין (וְזֶה בּוֹרֵר לוֹ אֶחָד) אונ שִׁמְעוֹן זאל אויס קלויבן איין דיין (וּשְׁנֵיהֶן בּוֹרְרִין לָהֶן עוֹד אֶחָד) אונ ביידע ראובן מיט ש׳ עון קלויבן אויס איין דיין אַדריטען. אונ דיא דריי דַיָּנִים זאלין מִשְׁפָּטִין דעם דין פון רְאוּבֵן מיט שִׁמְעוֹן (דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר) אַזוי זאגט רַבִּי מֵאִיר (וַחֲכָמִים אוֹמְרִים) אונ

אומרים שני דיינין בוררין להן עוד אחד. זה פוסל דיינו של זה. וזה פוסל דיינו של זה. דברי רבי מאיר. וחכ"א אימתי בזמן שמביא עליהן ראיה שהן קרובין. או פסולין. אבל אם היו כשרים או מומחין אינו יכול לפוסלן. זה פוסל עדיו של זה. וזה פוסל עדיו של זה. דברי

זה פוסל דיינו של זה. יכול הוא לומר לא אדון לפני ב"ד שבררת: בזמן שמביא עליהן ראיה. שזה מביא ראיה על דיין שבירר זה. לפוסלו: אבל אם היו כשרי' ומומחי'. ה"ק אבל אם היו כשרים שאין לא קרובים ולא פסולים. אע"פ שהם יושבי קרנות נעשו כמומחין. ואינו יכול לפוסלן. ופסק הלכה בזה. כשקבלו בעלי הדין מי שידון להם בין יחיד בין רבים. ופסק עליהם את הדין דינו דין. ואין סותרין דינו. ואף ע"פ שאינו מומחה לרבים ואם נודע שטעה. אם בדבר משנה טעה או בדבר המפורסם בגמרא מחזירים הדבר כשהיה. ודנין בו כהלכה. ואם אי אפשר להחזיר כגון שהלך זה שנטל הממון שלא כדין למדינת הים. פטור הדיין מלשלם מאחר שקבלוהו עליהם. שאע"פ שגרם להזיק לא נתכוין להזיק. ואם טעה בשקול הדעת והוא בדבר שנחלקו בו תנאים או אמוראים או גאונים וסוגיא דעלמא כחד מנייהו ודן זה הדיין כדברי אותו הגאון שאין סוגיית העולם כמותו. אם לא נשא ונתן ביד יחזור הדין. ואם א"א להחזיר ישלם מביתו. ואם נשא ונתן ביד מה שעשה עשוי וישלם מביתו. ודיין שלא קבלו אותו בעלי הדין אלא שעמד מאליו או מנה אותו המלך או קהל זקני הקהל העמידוהו. אם אינו מומחה לרבי' אע"פ שנטל רשות מראש הגולה אין דיניו דין. בין טעה בין לא טעה. ואינו בכלל הדיינין אלא בכלל בעלי זרוע וכל אחד מבעלי דינין אם רצה סותר דינו וחוזר ודן בפני ב"ד. ואם טעה ולא נשא ונתן ביד יחזיר הדין. ואם א"א להחזיר ישלם מביתו כדין כל גורם להזיק. ואם נשא ונתן ביד ישלם מביתו וחוזר ונוטל מבעל דין זה שנתן לו שלא כהלכה. ומומחה לרבים שקבלו אותו בעלי דינים. או שנטל רשות מראש גולה אע"פ שלא קבלו אותו בעלי דיני'. הואיל והוא מומחה אם טעה בין בדבר משנה בין בשקול הדעת. וא"א להחזיר הדין פטור מלשלם. ומומחה שנטל רשות מראש גולה יש לו לכוף לבעלי הדין שידונו לפניו. בין רצו בין לא רצו. בין בארץ בין בח"ל. ומי שנטל רשות מן הנשיא שבא"י אינו יכול לכוף לבעלי הדין אלא בא"י בלבד. ומומחה הוא. מי שלמד התורה שבכתב ושבע"פ ויודע לסבור להקיש ולהבין דבר מתוך דבר (הוא הנקרא מומחה) וכשהוא ניכר וידוע. ויצא טבעו אל אנשי דורו. נקרא מומחה לרבים והוא יכול לדון יחידי ואפי' לא נטל רשות מראש הגולה: זה פוסל עדיו של זה. פלוגתייהו דר"מ ורבנן מוקי לה בגמרא כשאמר בעל דין יש לי שני כתי עדים בדבר והביא כת להשוות ועמד בעל דין שכנגדו עם אחר ואמר פסולין הן.

---

דיא חכמים זאגין (שני דיינין בוררין להן עוד אחד) די ביידע דיינים זאלין אויס קלויבען דעם דריטען דיין. ניט ראובן מיט שמעון (זה פוסל דיינו של זה וזה פוסל דיינו של זה) ראובן קען זאגין איך וויל ניט דעם דיין פון שמעון. זאל שמעון נעמען איין אנדער דיין. אונ שמעון קען זאגין איך וויל ניט דעם דיין פון ראובן. זאל ראובן נעמען איין אנדער דיין (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (אימתי) ווען קען מען זאגין איך וויל ניט מיין חברס דיין (בזמן שמביא עליהן ראיה שהן קרובין או פסולין) אז ער ברייננט עדות אז זיין חברס דיין איז א קרוב צוא זיין חבר אדער ער איז פסול צוא זיין א דיין (אבל אם היו כשרין או מומחין) אבער אז דיא דיינים זענען כשר צוא זיין דיינים. אפילו זייא זענען ניט קיין לומדים איז גלייך וויא זייא וואלטין גיוועןן לומדים (אינו יכול לפוסלן) קען ניט ראובן זאגין איך וויל ניט שמעונס דיין. אונ שמעון קען ניט זאגין איך וויל ניט ראובנס דיין (זה פוסל עדיו של זה וזה פוסל) ראובן קען זאגין דיא עדות וואס

שמעון

רבי מאיר. והכמים אומרים אימתי. בזמן שהוא מביא עליהם ראיה שהן קרובים או פסולים. אבל אם היו כשרים. אינו יכול לפוסלן: ב אמר לו נאמן עלי אבא. נאמן עלי אביך. נאמנים עלי שלשה רועי בקר. רבי מאיר אומר יכול לחזור בו. וחכמים אומרים אינו יכול לחזור בו. היה חייב לחברו שבועה. ואמר לו דור לי בחיי

ר׳ מאיר אומר יכול הוא עם אחר לפוסלן ולאו נוגע בעדות הוא. דסבר אמר יש לי כת אחרת ואם בקש ולא מצא יפסיד. ורבנן סברי אע"ג דאמר תחלה יש לי שני כתי עדים יכול לחזור ולומר אין לי אלא אלו ונמצא זה שבא לפסלן נוגע בעדות הוא ולא מפסלי אפומיה והל׳ כחכמים: ב נאמן עלי אבא. לסיום דיין. אע"פ שהוא פסול מן התורה לדונני לא לזכות ולא לחובה. כדנפקא לן מלא יומתו אבות על בנים: נאמנים עלי שלשה רועי בקר. לדון. לאחר קנין כלום. וכן הלכה: דור לי בחיי

דאילו לעדות רועי בקר כשרים הן: ר׳ מאיר אומר יכול לחזור בו. אפי׳ לאחר גמר דין לאחר שקבל הדיין העדות ואמר איש פלוני אתה זכאי: אינו יכול לחזור בו. לאחר גמר דין בלבד הוא דפליגי רבנן עליה דר"מ. דאילו קודם גמר דין מודים חכמים לרבי מאיר דיכול לחזור בו ואם קנו מידו כמי שמקבל עליו עדות איש פלוני או דינו של איש פלוני אפי׳ קודם גמר דין א"י לחזור בו שאין

שמעון האט געבראכט זענען פסול. און שמעון קען זאגן דיא עדות וואס ראובן הט געבראכט זענען פסול (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (והחכמים אומרים) און דיא חכמים זאגן (אימתי) ווען קען איינער פסול מאכען דיא עדות פון דעם אנדערין (בזמן שהוא מביא עליהן ראיה שהן קרובים או פסולים) נאר אז ער ברייננט עדות אז דיא עדות זענען קרובים צו זיין הנ״ר. אדער זייא זענען פסול עדות צו זאגן (אבל אם היו כשרים) אבער אז דיא עדות זענען כשר (אינו יכול לפוסלן) קען מען זייא ניט פסול מאכען (דיא גמרא זאגט רבי מאיר מיט דיא חכמים קריגען אויב ראובן אדער שמעון האט גיזאגט איך האב צוויי פאר עדות וואס וועלין זאגין וויא איך זאג. און ראובן האט דער ווייל געבראכט איין פאר עדות. און שמעון מיט נאך איין עדות זאגן אויף דיא עדות פון ראובן אז זייא זענען פסול. רבי מאיר זאגט שמעון מיט נאך איין עדות קענען פסול מאכין דיא עדות פון ראובן. ווייל שמעון הט נאר ניט קיין טובה פון דעם וואס דיא עדות פון ראובן ווערין פסול. ווארום ראובן זאגט דאך ער האט נאך א פאר עדות. זענען שוין דיא ערשטע עדות פסול געווארין. און אויב ראובן זוכט דער נאך דיא אנדערע פאר עדות און ער געפינט זייא ניט. הט ער שאדין זיין געלט. און דיא חכמים זאגין אפילו ער האט פריער גיזאגט ער האט צוויי פאר עדות פון דעסטוועגין קען ער איצט זאגין ער האט נאר די איין פאר עדות. קען שמעון ניט פסלן דיא עדות. ווייל ער האט דאך א טובה וואס דיא עדות ווערין פסול): ב (אמר לו נאמן עלי אבא) אויב ראובן זאגט צו שמעון איך גלויב מיין פאטער (נאמן עלי אביך) איך גלויב דיין פאטער זייא זאלין זיין אונזערע דיינים אדער אונזערע עדות. אדער ער זאגט (נאמנים עלי שלשה רועי בקר) דרייא מענטשין וואס פיטערין אקסין זענען אויך מיר בגלויבט זיי זאלין זיין סיינע דיינים. רבי מאיר זאגט (יכול לחזור בו) ראובן קען חרטה האבין. ואפילו זייא האבין שוין גיפסקנת דעם דין) און זאגין ער וויל אנדערע דיינים (וחכמים אומרים) און דיא חכמים זאגן (אינו יכול לחזור בו) ער קען ניט חרטה האבען ואויב זייא האבין שוין אפ גיפסקנת דעם דין און זייא האבין ניט גיהאט קיין טעות אין דין) (היה חייב לחברו שבועה) ראובן הט גימאנט געלט ביי שמעון און ראובן האט גידארפט שווערין און נעמען די געלט (ואמר לו) הט שמעון

ראשך. רבי מאיר אומר יכול לחזור בו. וחכמים אומרים אין יכול לחזור בו: ג ואלו הן הפסולין. המשחק בקוביא. והמלוה ברבית. ומפריחי יונים. וסוחרי שביעית. אמר שמעון בתחלה היו קורין אותן אוספי שביעית. משרבו האנסין חזרו לקרותן סוחרי

ראשך. כדור לי בחיי ראשך ואתן מה שאתה תובע. ואין צריך לומר ומחול לך מה שיש לי אצלך. ונדר לו או קנו מידו אע״פ שעדיין לא נדר אינו יכול לחזור בו. כדברי חכמים. וכן הלכה. ג ואלו הן הפסולים. לדון ולהעיד. המשחק בקוביא. פסול לעדות לפי שאינו מתעסק ביישובו של עולם. ואסור לאדם שיתעסק בעולמו אלא או בתורה וגמילות חסדים. או בסחורה. ואומנות. ומלאכה שיש בהן יישובו של עולם: מלוה בריבית. אחד מלוה ואחד הלוה שניהם פסולין דקי״ל המלוה והלוה שניהם עוברים בלא תעשה: ומפריחי יונים. אית דמפרשי מין ממיני השחוק. אם תקדים יונתך ליונתי אתן לך כך וכך. ואית דמפרשי שמגדל יונה מלומדת להביא יונים מבית בעלה בעל כרחו. ויש בהן גזל מפני דרכי שלום. ולא גזל גמור: וסוחרי שביעית. עושין סחורה בפירות שביעי׳. והתורה אמרה (ויקרא כה) והיתה שבת הארץ לכם לאכלה. ולא לסחורה: רש״א וכו׳. בגמרא מפרש מלתיה דר״ש הכי. בתחלה היו קוראים אותם אוספי שביעית כלומר אוספי פירות שביעית לעלמן היו פסולים לעדות כמו סוחרי פירות שביעית: משרבו האנסין. כשאלין מכת

---

געזאגט צו ראובן דור לי בחיי ראשך) טוה אנדר דיין קאפ זאל אזוי לעבן וויא דיר קומט דאס געלט וועל איך דיר געבן דאס געלט. אונ ראובן האט אזוי געזאגט. מיין קאפ זאל אזו לעבן וויא מיר קומט דאס געלט. רבי מאיר זאגט (יכול לחזור בו) שמעון קען חרטה האבן אונ זאגן איך וויל ניט אזוי אשבועה (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגן איידער ראובן האט געשווארין ביי זיין קאפ קען שמעון חרטה האבען. אבער אז ראובן האט שוין געשווארין ביי זיין קאפ. אדער מען האט נאר מקבל קנין געווען פון שמעון אויף די שבועה (אינו יכול לחזור בו) קען ער ניט חרטה האבען. נאר שמעון מוז בצאהלין די געלט צו ראובן: ג (ואלו הן הפסולין) דיא מענטשין זענען פסול צו זיין דיינים אדער עדות (המשחק בקוביא) אז איינר שפילט אין קארטין. אונ דאס איז זיין פרנסה (המלוה ברבית) דער וואס פאר בארגט געלט אויף פראצענט אונ דער וואס בארגט די געלט. ביידע זענען פסול צו זיין דיינים אדער עדות (ומפריחי יונים) אונ די וואס מאכען פליהען טויבין זייא זאלין מיט ברייגען פרעמדע טויבין אדער צוויי מענטשין וועטין זיך. אויב מיין טויב וועט פליהען פריער. זאלסטו מיר געבן אזו פיל. אונ אויב דיין טויב וועט פליהען פריער זאל איך דיר געבן אזו פיל (וסוחרי שביעית) אונ די וואס האנדלען מיט די פירות וואס וואקסען דעם זיבעטין יאהר. אום שמטה. די תורה האט געזאגט דיא פירות וואס וואקסען דעם זיבעטין יאהר זאל זיין פריי צו אלע מענטשין צום עסין אבער ניט צום פאר קויפען (אמר רבי שמעון) רבי שמעון האט געזאגט (בתחלה היו קורין אותן אוספי שביעית) אין אן הייב האט מען געזאגט די וואס פר זאמלען די פירות וואס וואקסט דעם זיבעטין יאהר פאר זיך אליין אונ זענען זייא ניט מפקיר זענען פסול צוא זיין דיינים אדער עדות אזוי וויא דיא וואס האנדלען מיט פירות פון זיבעטין יאהר (משרבו האנסין) וויא עס איז פיל געווארין דיא מענטשין וואס האבן גענייט דיא בעלי בתים וואס האבן פעלדער זייא זאלין געבן צום מלך תבואה פון זייערע פעלדער. אונ אין דעם יאהר פון שמטה האט מען זייא אויך גענייט זייא זאלין געבען תבואה צום מלך. האט מען דאך ניט געקענט מפקיר זיין דיא גאנצע תבואה. וויל מען האט געדארפט געבן

שביעית. א"ר יהודה אימתי. בזמן שאין להם אומנות אלא הוא. אבל יש להן אומנות שלא הוא. כשרין:

ד ואלו הן הקרובין. אביו. ואחיו. ואחי אביו. ואחי אמו. ובעל אחותו. ובעל אחות אביו. ובעל אחות אמו. ובעל אמו. וחמיו. וגיסו. הן ובניהן

המלך כך וכך כורין תבואה בכל שנה והיו צריכין להסוף תבואה של שביעית לפרוע ממנה מנת המלך חזרו לומר סוחרי פירות שביעית ב"ד. הם פסולים. אבל אוספי תבואת שביעית לתת למלך כשרים לעדות. כיון שאין אוספים לאצור לעצמן. ונענין פסק הלכה כל מי שעבר עבירה שחייב עליה מיתת ב"ד. או כרת. או מלקות. פסול לעדות. דמחוייב מיתה נקרא רשע. דכתיב (במדבר לה) אשר הוא רשע למות. ובחייבי מלקות כתיב (דברים כה) והיה אם בן הכות הרשע והתורה אמרה (שמות כג) אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס. ודרשינן אל תשת רשע עד. ואם לקה חזר לכשרותו דכתיב ונקלה אחיך לעיניך כיון שלקה הרי הוא כאחיך. ואם לקח ממון שלא כדין אע"פ שאינו חייב בה לא מיתה ולא מלקות. פסול לעדות. כגון גנב וגזלן ומלוה ברבית. ואם לקח ממון שיש בו איסור דרבנן. פסול לעדות מדרבנן. כגון מפריחי יונים. וחמסן דיהיב דמי ולוקח החפץ שאין הבעלים רוצים למכרו. והגבאים והמוכסים שלוקחים לעצמן. ומקבלי צדקה מן העו"ג בפרהסיא אלו וכיוצא בהן פסולין לעדות מדרבנן. ואין עדותן בטלה עד שיכריזו עליהם ויפרסמו אותן. אבל פסולי עדות של תורה אין צריכין הכרזה. וכל הפסולין לעדות. בין של תורה בין של דבריהם. אם עשו תשובה גמורה והממון שלקחו שלא כדין החזירוהו ועשו גדר וגדר לעצמן באותו דבר שחטאו בו שלא יוסיפו לעשותו עוד. הרי אלו חזרו להכשירן. ומשחקי בקוביא אע"פ שאין בזה גזל אפי' מדבריהם. הם פסולי' לעדות לפי שאין מתעסקין בישובו של עולם. ואין בהם יראת שמים. ודוקא שאין להם מלאכ' ואומנות אלא היא. כדברי ר' יהודה. וכן הלכה. ואימתי חזרתן משישברו פספסיהן ויקבלו עליהם דאפילו בחנם לא עבדי: ד ובעל אחותו וכו'. משום דבעל כאשתו: וגיסו. בעל אחות אשתו: הם

צום מלך (הזרו לקרותן כו.. רי שביעית) האט מען דער נאך געזאגט דיא וואס האנדלען מיט פירות פון זיבעטען יאהר צום פאר קויפן זענען פסול צוא זיין דיינים אדער עדות. אבער דיא וואס פאר זאמלען דיא פירות פון זיבעטען יאהר צוא געבען צום מלך. זענען כשר צוא זיין דיינים אדער עדות (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה געזאגט (אימתי) ווען זאגין מיר אז דער וואס שפילט אין קארטין אדער ער מאכט פליהען דיא טויבין (ונאך דעם אנדערין פשט) איז פסול צוא זיין אדיין אדער א עדות (בזמן שאין להם אומנות אלא הוא) אז זייא האבין גיט קיין אנדער מלאכה פון וואנען צוא לעבין נאר פון דעם קארטין שפילען אדער פון דעם טויבין פליהען (אבל יש להם אומנות שלא הוא כשרין) אבער אז זייא ארבעטין א מלאכה אדער זייא האנדלען. אונ פון דער מלאכה אדער פון דעם האנדיל לעבין זייא. נאר אמאהל שפילען זייא אין קארטין אויך אדער זייא מאכין פליהען דיא טויבין זענען זייא כשר צוא זיין דיינים אדער עדות: ד (ואלו הן הקרובין) אונ דיא קרובים זענען פסול צוא זיין דיינים אדער עדות (אביו) זיין פאטער (ואחיו) זיין ברודער (ואחי אביו) אונ זיין פאטערס ברודער (ואחי אמו) אונ זיין מוטערס ברודער (ובעל אחותו) אונ זיין שוועסטערס מאן (ובעל אחות אביו) אונ דער מאן פון זיין פאטערס שוועסטער (ובעל אחות אמו) אונ דער מאן פון זיין מוטערס שוועסטער (ובעל אמו) אונ דער מאן פון זיין מוטער. זיין שטיף פאטער (וחמיו) זיין שווער (וגיסו) זיין שוואגער. דער מאן פון זיין ווייבס שוועסטער (הן ובניהן וחתניהן)

ובניהן וחתניהן. ודוקא בניה ובנות שיש לו לגיסו מאחות אשתו. אבל אם יש לו בנים מאשה אחרת. או מתני' נשואי' לבנות שיש לו מאשה אחרת אינן חשובין קרובין: וחורגו. בן אשתו מאיש אחר. הוא בלבד חשוב קרוב אבל בן חורגו. וחתן חורגו לא ואשת חורגו לא יעיד לה דאשה כבעל'. והאחים זה עם זה בין מן האב בין מן האם הרי הן ראשון בראשון. ובניהם זה עם זה שני בשני. ובני בניהם זה עם זה. שלישי בשלישי. ולעולם שלישי בראשון כשר וא"צ לומר שלישי בשני. אבל שני בשני וא"צ לומר שני בראשון. שניהם פסולים. וכדרך שהאח מוזהר בזכרים. כך האח מוזהר בנקבות וכל אשה שהאח פסול לה כך האח פסול לבעלה וכל איש שהאח פסול לו. כך האח פסול לאשתו: אבל משנה ראשונה דודו ובן דודו ואין הלכה כמשנה ראשונה: וכל הראוי ליורשו. תשלום משנתו של ר"ע היא ולא ממשנה ראשונה. וכל הראוי ליורשו דהיינו קרובי האב אבל קרובי האם כגון אחי אמו בהזכרנו. כבר לו. שהרי אין אחי אמו ראוי ליורשו. אבל הוא ראוי לירש אחי אמו לפיכך הוא פסול להעיד לו: היה קרוב. כגון חתנו וראוי ליורשו מחמת אשתו:

וחתניהן. וחורגו לבדו. א"ר יוסי זו משנת ר"ע. אבל משנה ראשונה. דודו ובן דודו. וכל הראוי ליורשו וכל הקרוב לו באותה שעה. היה קרוב ונתרחק ה"ז כשר. ר' יהודה אומר אפי' מתה בתו ויש לו בנים ממנה. הרי זה

זייא אליין אונ זייערע זיהן אונ זייערע איידימס (וחורגו לבדו) אשטיף זוהן. דער זוהן וואס זיין ווייב האט פון איין אנדער מאן. איז נאר ער אליין אסור צוא זיין אדיין אדער א עדות צוא זיין שטיף פאטער. אבער דער זוהן אדער דער איידים פון דעם שטיף זוהן מעגין זיין דיינים אדער עדות צום שטיף פאטער. צוויא שוואגערס ראובן אונ שמואל) וואס זייא האלטין צוויי שוועסטערס רחל אונ לאה) זייא אליין אינ זייערע זיהן אונ זייערע איידימס. זענען אסור צוא זיין דיינים אונ עדות איינער צום אנדערין. אבער ד א זיהן אונ איידימס וואס דער שוואגער האט פון איין אנדער ווייב. ניט פון דיא ווייבס שוועסטער. מעגין זייא זיין דיינים אונ עדות צוא זייער פאטערס שוואגער. אונ אמאן מיט אווייב ווערט גירעכונט וויא איינער. אז מען איז פסול צוא זיין אדיין אדער אעדות צום מאן. איז מען פסול צוא דיא ווייב אויך. אונ אז מען איז פסול צוא דיא ווייב איז מען פסול צום מאן אויך (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי גיזאגט (זו משנת רבי עקיבא) אזוי האט רבי עקיבא גילערינט (אבל משנה ראשונה) אבער דאס ערשטע לערנונג איז גיוועזן (דודו ובן דודו וכל הראוי ליורשו) אז נאר אפעטער אונ אפעטערס אזוהן אונ דיא אלע וואס קענען אים ירשנן זענען פסול צוא זיין דיינים אונ עדות צוא אים. דאס הייסט נאר קרובים פון זיין פאטער זענען פסול צוא זיין דיינים אונ עדות צוא אים. אבער ברידער פון דיא מוטער אדער קרובים דורך זיין ווייב. קענין זיין דיינים אונ עדות צוא אים (ועיין היטב בהרע"ב ותי"ט ותי"ו) (וכל הקרוב לו באותה שעה) אויב ווען ראובן האט גיזעהן דיא עדות אויף דוד. איז ער גיוועזן אקרוב צוא דוד. ווער איז גיוועזן אאיידים צוא דוד. אונ דער נאך איז דיא טאכטער פון דוד גישטארבין. איז ער שוין איצט ניט קיין קרוב. פון דעסטוועגין טאר ער ניט זאגין דיא עדות צוא דוד (היה קרוב ונתרחק כשר) אבער אז ראובן איז גיוועזן אקרוב צוא דוד. ער איז גיוועזן זיינער אאיידים) אונ דיא טאכטער פון דוד איז גישטארבין. איז ער שוין איצט ניט קיין קרוב. דער נאך האט ראובן גיזעהן אזאך אויף דוד. מעג ער קומען עדות זאגין. אפילו זיין עדות זאגין וועט זיין אטובה צוא דוד. רבי יהודה זאגט (אפילו מתה בתו ויש לו בנים ממנה הרי זה קרוב) אפילו דיא טאכטער פון דוד איז גישטארבין. אויב שמעון האט פון איר

קרוב: ה האוהב והשונא. אוהב זה שושבינו. שונא. כל שלא דבר עמו שלשה ימים באיבה. אמרו לו. לא נחשדו ישראל על כך: ו כיצד בודקים את העדים. היו מכניסין אותן (לחדר) ומאיימין עליהן. ומוציאין (את כל האדם) להוץ ומשיירין את הגדול שבהן. ואומרים לו. אמור היאך אתה יודע שזה חייב לזה. אם אמר הוא אמר לי שאני חייב לו. איש פלוני אמר לי שהוא חייב לו. לא אמר כלום. עד שיאמר בפנינו הודה לו שהוא חייב לו מאתים זוז. ואח״כ מכניסין את השני ובודקם

ונתרחק. שמתה אשתו קודם שראה עדות זו: ר״י אומר וכו׳. ואין הלכה כר״י: ה שושבינו. רעהו בימי חופתו. פסול לו כל ימי החופה: לא נחשדו ישראל על כך. להעיד שקר משום איבה ואהבה. וכן הלכה. ודוקא בעדות פליגי רבנן עליה. אבל בדין מודו רבנן דפסול לו לדון דאי רחים ליה. אינו רואה לו חובה. ואי סני ליה. לא מצי להפוכי בזכותיה:

ו ומאיימין עליהי׳. מודיעים אותם שהשוכרי עדי שקר. הן עלמן מבזין אותן וקוראים לכן רשעים דכתיב (במלכי׳ א כא) בכבו׳. והושיבו שני אנשים בני בליעל נגדו שיועלי המלך שהיו יועלים לשכרן קוראים לכן בני בליעל: הוא אמר לי. הלוה אמר לי: לא אמר כלום. דעביד איניש דאמר פלוני נושה בי. כדי שלא יחזיקוהו עשיר: הודה לו. שהיו שניהם

קינדער. זענען נאך דוד מיט שמעון קרובים. אונ זענען פסול צוא זיין עדות איינער צום אנדערין: ה (האוהב והשונא) אגוטער פריינד אונ אפיינד טארין ניט זיין קיין עדות (אוהב זה שושבינו) אויב ראובן איז געוועזן אגוטער פריינד ביא אהרן צוא דער חופה. דיא גאנצע זיבען טעג (שבעת ימי המשתה) טאר ניט זיין ראובן אעדות צוא אהרן (שונא כל שלא דבר עמו שלשה ימים באיבה) אויב שמעון איז אשונא צוא שמואל אונ דריא טעג האט שוין שמעון ניט גירעט צוא שמואל דורך דיא שנאה. טאר ניט זיין שמעון אעדות צוא שמואל. אזוי זאגט רבי יהודה (אמרו לו) האבין דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (לא נחשדו ישראל על כך) יודין ווערין דאס ניט טאהן זייא זאלין זאגין פאלשע עדות ווייל זייא זענען יענעם אגוטער פריינד אדער אשונא: ו (כיצד בודקים את העדים) וויא אזוי פרעגט בית דין דיא עדות זייא זאלין זאגין וואס זייא האבין גיזעהן (היו מכניסין אותן) מען האט אריין גיבראכט דיא עדות צוא בית דין (ומאיימין עליהן) מען מאכט אמורא אויף דיא עדות. מען זאגט זייא אז זייא ווען נישכראפט ווערין אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט אויב זייא וועלין זאגין פאלשע עדות (ומוציאין את כל אדם לחוץ) אונ מען הייסט אלע מענטשין זאלין ארויס גיין פון בית דין שטוב (ומשיירין את הגדול שבהן) אונ דעם עלטערין עדות הייסט מען ער זאל בלייבין פאר בית דין (ואומרים לו) אונ בית דין זאגין צוא אים (אמור) זאג (היאך אתה יודע שזה חייב לזה) וויא אזוי ווייסטו אז ראובן איז שולדיג הונדערט גילדין צוא שמעון (אם אמר) אויב דער עדות זאגט (הוא אמר לי שאני חייב לו) ראובן אליין האט מיר גיזאגט אז ער איז שולדיג צו שמעון הונדערט גלדין. אדער דר עדות זאגט (איש פלוני אמר לי שהוא חייב לו) יענער מענטש ער רופט אים ביי זיין נאמען האט מיר גזאגט אז ראובן איז שולדיג צו שמעון הונדערט גילדין (לא אמר כלום) האט דר עדות גאר ניט גזאגט (עד שיאמר בפנינו הודה לו שהוא חייב לו מאתים זוז) ביז דער עדות זאגט פאר אונז האט שמעון גימאנט ביי ראובן אונ ראובן האט מודה גיוועזן צו שמעון אז ער איז אים שולדיג צוויי הונדערט גילדין. אונ ראובן מיט שמעון האבין גיוואלט מיר זאלין זיין עדות אויף דער זאך (ואחר כך מכניסין את השני) דער נאך ברייננט מען אריין דעם אנדערין עדות צוא

בית

ובודקים אותו. אם נמצאו דבריהם מבוונים. נושאים ונותנין בדבר. שנים אומרים זכאי ואחד אומר חייב. זכאי. שנים אומרים חייב ואחד אומר זכאי. חייב. אחד אומר זכאי ואחד אומר חייב. ואפילו שנים מזכין. או שנים מחייבין. ואחד אומר איני יודע. יוספו הדיינים: ז גמרו את הדבר היו מכניסין אותן. הגדול שבדיינים אומר איש פלוני אתה זכאי. איש פלוני אתה חייב. ומנין כשיצא אחד מן הדיינים לא יאמר אני מזכה וחבירי מחייבין. אבל מה אעשה שחבירי רבו עלי. על זה נאמר (ויקרא יט) לא תלך רכיל בעמך. ואומר (משלי יא) הולך רכיל מגלה סוד: ח כל זמן שמביא ראיה סותר את הדין. אמרו לו כל ראיות

בפניו ולסודות לו נתכוין להיות לו עדים בדבר: אפי' שנים מזכים או מחייבים. ואחד אומר איני יודע. יוסיפו דיינים. ואע"ג דאי הוה פליג עלייהו הוה בטל במיעוטו. כי אמר איני יודע. הוה כמו שלא ישב בדין. נמצא הדין בחסר. ואנן שלשה בעינן: ז היו מכניסין אותן. לבעלי דינין שלאחר ששמעו טענותיהן היו מוציאין אותן לחוץ כדי שישאו ויתנו בדבר ולא ישמעו בעלי דינים מי מחייב ומי מזכה:

בית דין (ובודקין אותו) אונ מען פרעגט דעם אנדערן עדות וואס ער זאגט (אם נמצאו דבריהן מכוונין) אויב דיא רייד פון ביידע עדות זענען גלייך (נושאין ונותנין בדבר) הייבן בית דין אן צו קלערין אין דעם דין (שנים אומרים זכאי) אויב צוויי דיינים זאגן אויף אייגעם למשל אויף ראובן אז ער איז פטור צו בצאהלין (ואחד אומר חייב) אונ איין דיין זאגט אז ראובן דארף בצאהלין (זכאי) איז ראובן פטור צו בצאהלין (שנים אומרים חייב) אונ אז צוויי דיינים זאגן ראובן דארף בצאהלין (ואחד אומר זכאי) אונ איין דיין זאגט ראובן דארף ניט בצאהלין (חייב) דארף ראובן בצאהלין (אחד אומר זכאי ואחד אומר חייב) אויב איין דיין זאגט ראובן דארף ניט בצאהלין. אונ איין דיין זאגט ראובן דארף בצאהלין (ואפילו שנים מזכין או שנים מחייבין) אונ אפילו צוויי דיינים זאגן ראובן דארף ניט בצאהלין. אדער דיא צוויי דיינים זאגן ראובן דארף בצאהלין (ואחד אומר איני יודע) אונ איין דיין זאגט איך ווייס ניט ווי דער דין איז (יוסיפו הדיינין) זאל מען זעצין צו זיי נאך דיינים: ז (גמרו את הדבר) אז זייא האבען אפ גיקלערט דעם דין אונ זיי ווייסן שוין ווער עס איז גירעכט (היו מכניסין אותן) האט מען אריין גיבראכט צו בית דין צוויי מענטשין וואס קריגען (הגדול שבדיינים אומר) דער גרעסטער פון דיא דיינים זאגט (איש פלוני אתה זכאי איש פלוני אתה חייב) דער מענטש איז גירעכט אונ דער מענטש איז ניט גירעכט (ומנין לכשיצא אחד מן הדיינים לא יאמר אני מזכה וחבירי מחייבים) פון וואנען ווייסן מיר אז איין דיין גייט ארויס פון בית דין זאל ער ניט זאגן צו דעם וואס איז גיווארן אומגירעכט ביי בית דין. איך האב דיך גירעכט גימאכט. נאר מיינע חברים האבין גיזאגט אז דו ביזט ניט גירעכט (אבל מה אעשה) אבער וואס האב איך גיקענט העלפין (שחברי רבו עלי) אז מיינע חברים זענען גיוועזן מעהר ווי איך. האט גימוזט בלייבן דער דין ווי זייא האבין גיזאגט (על זה נאמר) אויף דעם דיין איז גיזאגט גיווארן (הולך רכיל מגלה סוד) ער גייט זאגן רכילות ועדין אויף זיין חבר שלא בפניהם. אונ ער זאגט אוים דיא סודות פון בית דין: ח (כל זמן שמביא ראיה סותר את הדין) דער וואס איז פאר שולדיגט גיווארן ביי בית דין. ווען ער ברייננגט עדות אדער אנדערע בעווייזונג אז ער איז גירעכט. צו ווארפט מען דעם דין וואס מען האט גיפסקנט. אונ מען מאכט אים גירעכט אונ זיין חבר אומגירעכט (אמרו לו) אויב דיא דיינים האבען גיזאגט צוא דעם וואס איז אומגירעכט (כל ראיות שיש לך להביא מכאן

שיש לך הבא מכאן עד שלשים יום. מצא תוך ל' יום סותר. לאחר שלשים יום. אינו סותר. אמר רשב"ג מה יעשה זה שלא מצא בתוך שלשים ומצא לאחר שלשים. אמרו לו הבא עדים. ואמר אין לי עדים. אמרו הבא ראיה. ואמר אין לי ראיה. ולאחר זמן הביא ראיה ומצא עדים. הרי זה אינו כלום. אמר רשב"ג מה יעשה זה שלא היה יודע שיש לו עדים ומצא עדים. לא היה יודע שיש לו ראיה ומצא ראיה (אמרו לו הבא עדים אמר אין לי עדים. הבא ראיה ואמר אין לי ראיה). ראה שמתחייב בדין ואמר קרבו פלוני ופלוני

ח הבא ראיה. סטר זכות: ה"ז אינו כלום. שהרי אמר אין לי והספיק שמא זייף הוא ספר עדי שקר: אמר רשב"ג וכו'. ואין הלכה כרבי שמעון בן גמליאל: קרבו פלוני ופלוני

עד שלשים יום) אלע עדות אדער בעווייזונגען וואס דוא האסט צוא ברייגנען זאלסטו ברייגנען פון איצט ביז דרייסיג טעג (והביא בתוך שלשים יום) אויב ער האט גיבראכט אין דרייסיג טעג (סותר) צו ווארפט בית דין זייער דין וואס זייא האבען גיפסקנט. אונ ער ווערט גירעכט אונ זיין חבר ווערט אומגירעכט (לאחר שלשים יום) אויב ער ברייגנט דיא עדות אדער אנדערע בעווייזונג נאך דרייסיג טעג (אינו סותר) צו ווארפט ניט בית דין זייער דין. נאר עס בלייבט ווי פריער. זיין חבר איז גירעכט אונ ער איז אומגירעכט (אמר רבן שמעון בן גמליאל) רבן שמעון בן גמליאל האט גיזאגט (מה יעשה זה שלא מצא בתוך שלשים ומצא לאחר שלשים) וואס קען דער מענטש טאהן אז אין די דרייסיג טעג האט ער ניט גיקענט געפינען דיא עדות אדער דיא בעווייזונגען. אונ נאך דיא דרייסיג טעג האט ער זייא גיפונען. פאר וואס זאל מען ניט צו ווארפין דעם דין. נאר עס דארף זיין ווען ער ברייגנט עדות אדער אנדערע בעווייזונג אז ער איז גירעכט. זאל מען צו ווארפין דעם פריערדיגען דין אונ ער זאל זיין גירעכט (אמרו לו הבא עדים) בית דין האבין גיזאגט צוא דעם אומגירעכטין ברייגג עדות אז עס איז אמת ווי דוא זאגסט (ואמר אין לי עדים) האט ער גיענטפערט איך האב ניט קיין עדות (אמרו הבא ראיה) האט בית דין גיזאגט צו אים ברייגג איין אנדער בעווייזונג (ואמר אין לי ראיה) האט ער גיענטפערט איך האב ניט קיין בעווייזונג (ולאחר זמן הביא ראיה ומצא עדים) אונ אין אצייט שפעטער האט ער גיבראכט צו בית דין בעווייזונגען אויף זיינע רייד. אונ ער האט געקריגען עדות אז זיינע רייד זענען אמת (הרי זה אינו כלום) איז דאס אלין גאר גישט. ווייל ער האט פריער גיזאגט ער האט ניט קיין עדות אונ ער האט ניט קיין בעווייזונג. האבין מיר מורא טאמער האט ער בעקומען פאלשע עדות אדער פאלשע בעווייזונגען (אמר רבן שמעון בן גמליאל) האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט (מה יעשה זה שלא היה יודע שיש לו עדים) וואס זאל דער מענטש טאהן אז ער האט ניט גיוואוסט אז ער האט עדות (ומצא עדים) אונ דער נאך האט ער גיפונען עדות (לא היה יודע שיש לו ראיה) פריער הט ער ניט גיוואוסט אז ער קען בעווייזין אז עס איז אמת ווי ער זאגט (ומצא ראיה) אונ דער נאך האט ער גיפונען א בעווייזונג. נאר עס דארף זיין ווען ער ברייגנט עדות אדער איין אנדער בעווייזונג זאל מען צו ווארפין דעם דין וואס מען הט גיפסקנט פריער אונ ער זאל זיין גירעכט (אמרו לו הבא עדים) אויב בית דין האבין גיזאגט צו דעם אומגירעכטין. ברייגג עדות אז עס איז אמת ווי דוא זאגסט (אמר אין לי עדים) הט ער גיענטפערט איך האב ניט קיין עדות (הבא ראיה) ברייגג איין אנדער בעווייזונג (ואמר אין לי ראיה) האט ער גיזאגט איך האב ניט קיין בעווייזונג (וראה שמתחייב בדין) האט ער גיזעהן אז ער ווערט פאר שולדיגט ביי בית דין (ואמר קרבו פלוני ופלוני והעידוני) האט ער

והעידוני. בהא אפילו רבי שמעון בן גמליאל מודה דכיון דהיה יודע בהן ואמר אין לי. ודאי שקרן הוא. אבל הטוען יש לי עדים או ראיה במדינת הים אין שומעין לו לעכב את הדין עד שיבא ממדינת הים אלא פוסקין את הדין כפי מה שרואין ממנו עכשיו וכשיביא עדיו או ראיה סותר את הדין. וחוזרים ודנים כפי שעדיו או ראיה שהביא: אפונדתו. חגורתו. ואית דמפרשי מלבוש הסמוך לבשרו:

והעידוני. או שהוציא ראיה מתוך אפונדתו הרי זה אינו כלום:

פרק ד **אחד** דיני ממונות. ואחד דיני נפשות בדרישה. ובחקירה. שנאמר (ויקרא כד) משפט אחד יהיה לכם. מה בין דיני ממונות לדיני נפשות. דיני ממונות בשלשה.

פרק ד **דיני** ממונות כו' שנאמר משפט אחד יהיה לכם. ובדיני נפשות כתיב (דברים יג) ודרשת וחקרת. והוא דין תורה אבל אמרו חכמים שאין מצריכין בדרישה וחקירה בדיני ממונות שלא תנעול דלת בפני לוין אלא א"כ ראו ב"ד שהדין מרומה. ודרישה וחקירה הוא השאלה בענין בעלמא כגון כמה הלוהו. ומתי הלוהו. ובאיזה ענין הלוהו. ובאיזה מקום הלוהו. ויש מן

---

ג״א ניזאגט צו צווייא מענטשין וואס זייא זענין מיט גיוועזין ביי בית דין קומט צו די דיינים און זאגט עדות (או שהוציא ראיה מתוך אפונדתו) אדער ער האט ארויס גינומען א בעווייזונג (א פאפיר) פון זיין קלייד און האט געוויזין אז ער איז גירעכט (הרי זה אינו כלום) דאס איז גאר ניט. ווארום אז דיא עדות און דער פאפיר וואלטין גיוועזין אמת פאר וואס האט ער באלד ניט גישטעלט דיא עדות און האט באלד נישט געוויזין דעם פאפיר. נאר זיי זעגין פאלשע האט ער ניט גיוואלט דיא עדות זאלין שטיין פאר בית דין. און האט ניט גיוואלט ווייזין דעם פאפיר. נאר אז ער האט גיזעהן ער ווערט פאר שולדיגט. האט ער שוין גימוזט שטעלין דיא פאלשע עדות און ווייזין דעם פאלשין פאפיר. טאמער וועט אים דאס העלפין:

פרק ד א (אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה ובחקירה) סיי דיא עדות וואס קומען זאגין אויף געלט. זיי ווילען ראובן זאל בצאהלין געלט. און סיי דיא עדות וואס קומען זאגין אויף נפשות. זייא ווילען מען זאל ראובן הרגנן ווייל זיי זאגין ראובן האט גיטאהן א מלאכה שבת. אדער זייא זאגין ראובן האט גיהרגת א מענטשין. דארף מען דיא עדות פארשטין מיט צווייערלייא זאכען. איינס ווערט גירופין דרישה אדער בדיקה. און איינס ווערט גירופען חקירה. ובדיקה הייסט מען פרעגט דיא עדות וויא פיל געלט האט ראובן גיבארגט. וויא אזוי האט מען אים גיבארגט. וועלכע געלט האט ער גיבארגט. זילבער געלט צו פאפירין געלט. וועלכע פאפירין געלט. אין וועלכע קליידער איז ראובן גיגאנגען ווען ער האט גיבארגט דיא געלט. אין ראובן גישטאנען ווען ער האט גינומען דיא געלט. אדער ער איז גיזעסין. און ביי נפשות איז אויך אזוי מען פרעגט דיא עדות וועלכע מלאכה האט ער גיטאהן שבת. וויא אזוי האט ער גיטאהן דיא מלאכה. מיט וועלכע כלים האט ער גיטאהן דיא מלאכה. אויב ער איז גיזעסין ווען ער האט גיטאהן דיא מלאכה. אדער ער איז גישטאנען. און נאך אזעלכע זאכין. וואס בית דין ווילען פרעגין זייא יעדער עדות בזונדער. זעהן אויב די עדות וועלין זאגין גלייך: חקירות שטייט אין אנהייב פרק ה. (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (משפט אחד יהיה לכם) איין פירונג זאל ביי אייך זיין. ביי געלט זאכען אזוי ווי ביי הרגנן (מה בין דיני ממונות לדיני נפשות) נאר וואס דען איז דער א נטערשייד פון געלט זאכען צו הרגנן (דיני ממונות בשלשה) געלט זאכין קענען

משפטין

אחר מן השלש שנקראת בדיקה ואינו בענין בעצמו. כגון שישאלו לו מה היה לבוש. כליה שחורים. או כליה לבנים. עומד היה או יושב בשעה שהלוהו: פותחים. מתחילין ומתנו של דין. בין לזכות בין לחובה: מחזירין. סותרין

ודיני נפשות בכ"ג. דיני ממונות פותחין בין לזכות בין לחובה. ודיני נפשות פותחין לזכות ואין פותחין לחובה. דיני ממונות מטין ע"פ אחד בין לזכות בין לחובה. ודיני נפשות מטין על פי אחד לזכות. ועל פי שנים לחובה. דיני ממונות מחזירין בין לזכות בין לחובה. דיני נפשות מחזירין לזכות ואין מחזירין לחובה. דיני ממונות הכל מלמדין זכות וחובה. ודיני נפשות הכל מלמדין

זכות

משפטין דריי דיינים (ודיני נפשות בעשרים ושלשה) אונ הרגנן מוזין משפטין דריי אונ צוואנציג דיינים (דיני ממונות פותחין בין לזכות בין לחובה) ווען די דיינים הייבין אן צו קלערין דעם דין פון געלט זאכין. מעגין זייא אן הייבין גירעכט צו מאכען מען זאל ניט דארפין בצאהלין אונ זייא מעגין אן הייבין צו בשולדיגען מען זאל יא דארפין בצאהלין (עיין תי"ו) (ודיני נפשות) אונ אז בית דין הייבין אן צו קלערין אין אדין פון אמענטשין הרגנן (פותחין לזכות) מוזין זייא פריער אן הייבין קלערין גירעכט צו מאכען דעם מענטשין. מען זאל אים ניט דארפין הרגנן (ואין פותחין לחובה) אונ זייא טארין ניט אן הייבין קלערין צו בשולדיגען דעם מענטש. מען זאל אים דארפין הרגנן (דיני ממונות מטין על פי אחד בין לזכות בין לחובה) ביי געלט זאכין גייט מען נאך דיא מערערע דיינים דורך איינעם סיי גירעכט צו מאכען אונ סיי אומגירעכט צו מאכען. אויב די דיינים וואס זאגין ער איז גירעכט זענען מיט איינעם מעהר וויא דיא וואס זאגין ער איז אומגירעכט. בלייבט ער גירעכט. אונ אויב דיא דיינים וואס זאגין ער איז אומגירעכט זענען מיט איינעם מעהר וויא דיא וואס זאגין ער איז גירעכט. בלייבט ער אומגירעכט (ודיני נפשות מטין על פי אחד לזכות) אונ ביי הרגנן אמענטשין גייט מען נאך דיא מערערע דיינים דורך איינעם אויף ניט צו הרגנן. אויב די דיינים וואס זאגין מען זאל ניט הרגנן זענען מיט איינעם מעהר וויא די וואס זאגין מען זאל הרגנן. הרגת מען ניט (ועל פי שנים לחובה) אונ אויב די דיינים וואס זאגין מען זאל הרגנן. זענען מיט צוויי מעהר ווי די וואס זאגין מען זאל ניט הרגנן. הרגת מען. אונ אויב זיי זענען נאר מיט איינעם מעהר. הרגת מען ניט (דיני ממונות מחזירין בין לזכות בין לחובה) ביי געלט זאכין אז דיא דיינים האבין שוין גיפסקנת דעם דין. דער נאך האבען זייא גזעהן אז זיי האבין גיהאט אטעות. סיי זייא האבען גיפסקנת ער איז אומגירעכט. אונ איצט ווילען זיי אים גירעכט מאכען. אונ סיי זייא האבען גיפסקנת ער איז גירעכט אונ איצט ווילען זייא אים אומגירעכט מאכען. מעגין זייא צו ווארפין פריערדיגען דין אונ פסקנן איצט אנדערש (ודיני נפשות) אונ ביי דעם דין פון אמענטשין הרגנן. אויב זייא האבין גיפסקנת מען זאל אים הרגנן. אונ זיי זעהן אז זייא האבין גיהאט אטעות אונ מען דארף אים ניט הרגנן. מעגין זייא צו ווארפין פריערדיגען דין (מחזירין לזכות) אונ פסקנן איצט מען זאל אים ניט הרגנן. אבער אז זייא האבען פריער גיפסקנת מען זאל אים ניט הרגנן (ואין מחזירין לחובה) טארין זייא ניט פסקנן מען זאל אים הרגנן. אפילו זייא האבן פריער גיהאט אטעות (דיני ממונות הכל מלמדין זכות וחובה) ביי געלט זאכין אלע ואפילו די תלמידים מעגין זאגין זייער דעה אויף דעם מענטש. ער איז גירעכט אדער אומגירעכט (דיני נפשות) אויף אמענטשין הרגנן (הכל מלמדין זכות) אלע אפילו די תלמידים: ווער עס וויים נאר צו זאגין אז ער איז גירעכט. מען זאל אים ניט הרגנן. זאל ער זאגין (ואין הכל מלמדין חובה) אבער ניט אלע מעגין

זכות ואין הכל מלמדין חובה. דיני ממונות המ־מד חובה מלמד זכות. והמלמד זכות מלמד חובה. דיני נפשות המלמד חובה מלמד זכות. אבל המלמד זכות אין יכול לחזור וללמד חובה. דיני ממונות דנין ביום וגומרין בלילה. דיני נפשות דנין ביום וגומרין ביום. דיני ממונות גומרין בו ביום בין לזכות בין לחובה. דיני נפשות גומרין בו ביום לזכות. וביום שלאחריו לחובה. לפיכך אין דנין לא

את הדין אחר שגמרוהו וידעו טעמו: ואין הכל מלמדין חובה. שאם אמר אחד מן התלמידים יש לי ללמד עליו חובה אין שומעין לו: דנים ביום וגומרים בלילה. דכתיב (שמות יח) ושפטו את העם בכל עת וכתיב (דברים כא) והיה ביום הנחילו את בניו הא כיצד יום לתחילת דין ולילה לגמר דין: דנים ביום וגומרים ביום. דכתיב (במדבר כה) והוקע אותם לה' נגד השמש: גומרי' בו ביום בין לזכות בין לחוב'. (וכו') דא"ק (ישעיה א) מלאתי משפט צדק ילין בה: לפיכך אין דנים לא בערב שבת. שכשלא נגמר דינו

זאגין מען זאל אים הרגנן. אויב א תלמיד אדער איין אנדער מענטש וויל זאגין זיין דעה אז מען דארף דעם מענטש הרגנן. הערט מען אים ניט. נאר דער דיין מעג זאגין זיין דעת אויף הרגנן (דיני ממונות המלמד חובה מלמד זכות) ביי געלט זאכין דער דיין וואס האט גיזאגט ער איז אומגירעכט מעג חרטה האבין פון זיינע רייד און זאגין ער איז גירעכט (והמלמד זכות מלמד חובה) און דער דיין וואס האט גיזאגט ער איז גירעכט מעג חרטה האבין פון זיינע רייד און זאגין ער איז אומגירעכט (דיני נפשות) ביי אמענטשן הרגנן (המלמד חובה מלמד זכות) דער דיין וואס האט גיזאגט מען דארף אים הרגנן. מעג חרטה האבין און זאגין מען דארף אים ניט הרגנן (אבל המלמד זכות אינו יכול לחזור וללמד חובה) אבער דער דיין וואס האט גיזאגט מען דארף אים ניט הרגנן. טאר ניט חרטה האבין פון זיינע רייד און זאגין מען זאל אים הרגנן (עיין ת"י) (דיני ממונות דנין ביום וגומרין בלילה) ביי געלט זאכען דארפין די דיינים קלערין דעם דין ביי טאג. און זאגין דעם פסק דין ווער עס איז גירעכט און ווער עס איז אומגירעכט. מעגין זיי ביי נאכט אויך (דיני נפשות) ביי אמענטשן הרגנן (דנין ביום וגומרין ביום) דארפען די דיינים קלערן דעם דין ביי טאג. און זאגן דעם פסק דין מוז מען אויך ביי טאג (דיני ממונות גומרין בו ביום בין לזכות בין לחובה) ביי געלט זאכין מעגין די דיינים אפ משפטין דעם דין און זאגין דעם פסק דין אין דעם זעלבינין טאג וואס זייא האבין אנגיהויבין צו קלערין אין דעם דין. סייא צוא גירעכט מאכין און סייא צוא אומגירעכט מאכין (דיני נפשות) בייא אמענטשין הרגנן (גומרין בו ביום לזכות) אויב בייא בית דין איז געבליבען אז ער איז גירעכט מען דארף אים ניט הרגנן. זאלין בית דין אפ משפטין דעם דין און זאגין דעם פסק דין. אין דעם זעלביגען טאג וואס זייא האבין אנגיהויבין צו קלערין אין דעם דין (וביום של אחריו לחובה) אבער אז בייא בית דין איז געבליבין אז ער איז אומגירעכט. מען דארף אים הרגנן. זאל מען ניט אפ משפטין דעם דין דעם זעלביגן טאג. נאר מען זאל ווארטין ביז מארגין (לפיכך אין דנין לא בערב שבת ולא בערב יום טוב) דריבער טאר מען ניט אנהייבין משפטין א דין פון אמענטשין הרגנן. ניט ערב שבת און ניט ערב יום טוב. כאמער וועט בית דין אפ קלערין מען דארף אים הרגנן. וועט מען דאך היינט ניט קענען זאגין דעם פסק דין. נאר מארגין שבת. און שבת טאר מען ניט הרגנן אמענטשין וועט מען דאך דארפין ווארטין מיט דעם הרגנן ביז זונטאג. און דאס טאר מען ניט. ווארום מען מוז הרגנן דעם זעלביגען טאג וואס מען

בערב שבת ולא בערב יו"ט: ב דיני הטומאות והטהרות מתחילין מן הגדול. דיני נפשות מתחילין מן הצד. הכל כשרין לדון דיני ממונות. ואין הכל כשרים לדון דיני נפשות. אלא כהנים לוים וישראלים המשיאין לכהונה: ג סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה. כדי שיהו רואין זה את זה. ושני סופרי הדיינין עומדין לפניהם. אחד מימין ואחד משמאל. וכותבין דברי המזכין ודברי המחייבין. רבי יהודה אומר שלשה. אחד כותב דברי המזכין. ואחד

בשבת ולהשהותו אחר שבת א"א מפני עינוי הדין ולדונו בו ביום א"א. שאין הרבע מיתות ב"ד דוחין את השבת שנאמר (שמות לה) לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת למד על מחוייבי שריפה שאין שורפין אותן בשבת וה"ה לשאר חייבי מיתות: ב מן הצד. מן הקטנים בחכמה שהיו יושבי' בצד. דא"ק (שם כג) לא תענה על ריב. וכתיב רב כלומר לא תענה על מופלא שבב"ד ולנטות אחריו. לפיכך אין שומעין דבריו אלא בסוף: הכל כשרים לדון. ואפי' גר והוא

שתהא אמו מישראל וממזר נמי היה כשר לדון דיני ממונות ואין הכל כשרי' וכו. דכתיב שמות יח) ונשאו אתך בדומין לך. גם משה רבינו מיוחס אף ב"ד מיוחסים: ג כחצי גורן עגולה כדי שיהו רואים זה את זה. דאמר קרא (שיר ז) שרך אגן הסהר. שרך אגן זו סנהדרין שיושבת בטבורו של עולם. ומגינה על כל העולם כולו והיא דומה לסהר שיושבים בעגול כחצי ירח תרגו' ירח סיהרא ובעגולה שלמה אין יושבי' מפני שצריכים בעלי דינים והעדים ליכנס ולדבר בפני כלם: רבי יהודה

זאגט דעם פסק דין (עיין בהרע"ב ותי"ט ות"י): ב (דיני ממונות הטומאות והטהרות) אדין פון געלט זאכין. וואס איינער מאנט ביא דעם אנדערין. אונ זייא זענען גיקומען צוא דיא דיינים. אדער מען איז גיקומען פרעגין ביא דיא דיינים אויף אזאך. דאס איז טמא אדער טהור (מתחילין מן הגדול) הייבט מען אן פון דעם גרעסטין דיין. פריער פרעגט מען ביא אים וואס ער זאגט. דער נאך פרעגט מען דיא קלענערע דיינים (דיני נפשות מתחילין מן הצד) ביא אדין פון אמענטשין הרגין פרעגט מען פריער דיא קלענערע דיינים וואס זיצען ביא דער זייט. וואס זייא זאגין. דער נאך זאגט דער גרעסטער דיין זיין דעה (הכל כשרין לדון דיני ממונות) אלע מענטשין מעגין זיין דיינים צוא געלט זאכין (ואין הכל כשרין לדון דיני נפשות) אונ ניט אלע מעגין זיין דיינים צוא משפטין אמענטשין צום הרגין (אלא כהנים לוים וישראלים המשיאין לכהונה) נאר כהנים אדער לוים אדער ישראלים אזעלכע וואס אכהן מעג נעמען זייער טאכטער פאר אווייב. דאס מיינט מען מיוחסים: ג (סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה) דיא דיינים פון איין אונ זיבעציג אונ פון דרייא אונ צוואנציג זענען גיזעסין קיילעכדיג וויא אהאלבער שייער (כדי שיהיו רואין זה את זה) איינער זאל זעהן דעם אנדערין (ושני סופרי הדיינין עומדין לפניהם) אונ דיא צווייא שרייבערס פון דיא דיינים זענען גישטאנען פאר דיא דיינים (אחד מימין ואחד משמאל) איינער ביא דיא רעכטע זייט אונ איינער ביא דיא לינקע זייט (וכותבין דברי המזכין ודברי המחייבין) איין שרייבער האט געשריבען דיא נעמען פון דיא דיינים וואס מאכין גירעכט דעם מענטש. אונ זייערע טעמים פאר וואס זייא מאכין אים גירעכט. אונ איין שרייבער האט געשריבען דיא נעמען פון דיא דיינים וואס מאכין אים אומגירעכט אונ זייערע טעמים פאר וואס זיי מאכין אים אומגירעכט. רבי יהודה זאגט (שלשה) דרייא שרייבערס זענען גיוועזן (אחד כותב דברי המזכין) איינער האט געשריבען דיא נעמען פון דיא דיינים וואס מאכין גירעכט דעם מענטש אונ זייערע

ואחד כותב דברי המחייבין. והשלישי כותב דברי המזכין ודברי המחייבין:

ד ושלש שורות של תלמידי חכמים יושבין לפניהם. כל אחד ואחד מכיר את מקומו. היו צריכין לסמוך סומכין מן הראשונה. אחד מן השניה בא לו לראשונה. ואחד מן השלישית בא לו לשניה. ובוררין להן עוד אחד מן הקהל ומושיבין אותו בשלישית. ולא היה יושב במקומו של ראשון. אלא יושב במקום

אומר שלשה היו. כדי שיהיו שני עדים על המזכין ושני עדים על המחייבין. ואין הלכה כרבי יהודה: ד ושלש שורות. וכל שורה של כ"ג ת"ח. שמא יחלקו הדיינים ויהיו רובן מחייבין ומיעוטן מזכין. והטייה לרעה אינה ע"פ אחד. כדכתיב (שמות כג) לא תהיה אחרי רבים לרעות. וצריך להוסיף שנים שנים עד ע"א שלעולם אין מוסיפין על הדיינים יותר מע"א. הלכך צריך להושיב לפניהם מ"ח להשלמת שבעים ואחד. ולאו אורח ארעא לעשות שורות תלמידים מרובה משל דיינים. הלכך עבדינן ג' שורות: וכל אחד מכיר את מקומו. שכסדר חכמתם היו מושיבים אותם לפיכך היה כל אחד צריך להכיר את מקומו: הוצרכו לסמוך. כגון שמת אחד מן הדיינים: ולא היה יושב במקומו של ראשון. ולא היה אותו שנברר מן הקהל יושב במקומו של ראשון

---

טעמים פאר וואס זייא מאכין אים גירעכט (ואחד כותב דברי המחייבין) און איינער האט געשריבען דיא נעמען פון דיא דיינים וואס מאכין אים אומגירעכט. און זייערע טעמים פאר וואס זייא מאכין אים אומגירעכט (והשלישי כותב דברי המזכין ודברי המחייבין) און דער דריטער האט געשריבען דיא נעמען פון די דיינים וואס מאכין אים גירעכט. און זייערע טעמים. און דיא נעמען פון דיא דיינים וואס מאכין אומגירעכט און זייערע טעמים: ד (ושלשת שורות של תלמידי חכמים יושבין לפניהן) און פאר דיא דיינים זענען גיזעסין דרייא שורות מענטשין לומדים. איין שורה אינטער דיא אנדערע. אין יעדער שורה איז גיוועזן דרייא און צוואנציג מענטשין. טאמער ווערין זיך דיא דיינים ניט קענען פארגלייכין אין דין. האט מען גינומען פון דיא לומדים צוא דיא דיינים (עיין בהרע"ב ות"יו) (כל אחד ואחד מכיר את מקומו) יעדער האט דער קענט זיין ארט. ער איז אלע מאהל גיזעסין אין דיא זעלבינע שורה. און אויף דעם זעלבינגען ארט (היו צריכין לסמוך) אויב אדיין איז גישטארבין און מען האט גידארפט מאכין אויף זיין ארט איין אנדער דיין (סומכין מן הראשונה) האט מען גינומען אלמדן פון דיא ערשטע שורה. ער זאל ווערין דיין (אחד מן השניה בא לו לראשונה) איין למדן פון דיא אנדערע שורה קומט אריין אין דיא ערשטע שורה (ואחד מן השלישית בא לו לשניה) און איין למדן פון דיא דריטע שורה קומט אריין אין די אנדערע שורה. פעלט דאך איינער אין דיא דריטע שורה (ובוררין להן עוד אחד מן הקהל) דער נאך קלויבט מען אוים אלמדן פון שטאט (ומושיבין אותו בשלישית) און מען זעצט אים אין דיא דריטע שורה (ולא היה יושב במקומו של ראשון) און יעדער וואס איז אוועק גיגאנגען פון זיין שורה האט ניט גיטארט זיצען אויף דעם ארט פון דעם פריערדיגען (אלא יושב במקום הראוי לו) נאר ער איז גיזעסין אויף דעם ארט וואס פאסט פאר אים. דער וואס איז אוועק גיגאנגען פון דיא ערשטע שורה צוא דיא דיינים. איז ניט גיזעסין אויף דעם ארט פון דעם גישטארבענעם דיין. נאר דיא דיינים האבין זיך ארויף גירוקט העכער. און ער איז גיזעסין אין סוף באנק. און דער וואס איז אוועק גיגאנגען פון אנהייב צווייטע שורה איז ניט גיזעסין אין אנהייב ערשטע שורה. נאר אלע האבין זיך גירוקט צום אנהייב שורה. און ער איז גיזעסין אין סוף ערשטע שורה. און דער ערשטער פון דיא דריטע שורה איז גיזעסין אין סוף צווייטע

אלא במקום הראוי לו: ה כיצד מאיימין את העדים על עדי נפשות. היו מכניסין אותן ומאיימין עליהם. שמא תאמרו מאומד. ומשמועה. עד מפי עד ומפי אדם נאמן שמענו. או שמא אי אתם יודעין שסופינו לבדוק אתכם בדרישה ובחקירה. הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות. דיני ממונות אדם נותן ממון ומתכפר לו. דיני נפשות דמו ודם זרעיותיו תלוין בו עד סוף העולם. שכן מצינו בקין שהרג את אחיו. שנאמר (בראשית ד) דמי אחיך צועקים. אינו אומר דם אחיך אלא דמי אחיך. דמו ודם זרעיותיו. דבר אחר דמי אחיך. שהיה דמו מושלך על העצים

כלו בסוף שורה השלישית לפי שהקטן מן התלמידים שבשורה גדול מן הגדול שבקהל: ה מאיימין על העדים. שלא

---

שורה. און דער פרעמדער איז געזעסן אין סוף דריטע שורה: ה (כיצד מאיימין את העדים על עדי נפשות) וויא אזוי האט בית דין געמאכט אמורא אויף דיא עדות וואס זענען געקומען עדות זאגין אויף א מענטשין מען זאל אים הרגנן. זייא זאלין ניט זאגין פאלשע עדות (היו מכניסין אותן) מען האט אריין געבראכט דיא עדות צוא בית דין (ומאיימין עליהם) און מען האט געמאכט אמורא אויף זייא (שמא תאמרו מאומד) טאמער זאגט איר ווייל עס דאכט זיך אייך עס איז אזו (ומשמועה) אדער איר האט געהערט פון מענטשין אזוי. און איר ווייסט ניט פון וועמען (עד מפי עד) איר האט געהערט אנדערע עדות האבין אזוי געזאגט פאר איין אנדער בית דין. זענט איר אויך געקומען עדות זאגין פאר אונז (ומפי אדם נאמן שמענו) אדער איר טראכט מיר מעגין קומען עדות זאגין ווייל מיר האבין אזוי געהערט פון א בעל יבטין מענטש וואס מיר ווייסין ער וועט ניט זאגין קיין ליגען (או שמא אי אתם יודעים שסופינו לבדוק אתכם בדרישה ובחקירה) אדער ווייל איר האט ניט געוואוסט אז מיר וועלין אייך אזוי פארשטין. דריבער זענט איר געקומען זאגין אפילו אזוי אזאך וואס איר ווייסט ניט גענוים (הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות) איר זאלט וויסען אז דער משפט פון געלט זאבין איז ניט אזוי וויא דער משפט פון א מענטשין הרגנן (דיני ממונות) אז מען זאגט פאלש עדות אויף געלט זאבין און דיא עדות האבין איינעם געטאהן א שאדין געלט (אדם נותן ממון ומתכפר לו) קענען דיא עדות תשובה טאהן. זייא געבין יענעם אוועק דאס געלט וואס זייא האבין אים שאדין געטאהן. וועט זייא פארגעבין ווערין דיא עבירה (דיני נפשות) אבער אז מען זאגט פאלש עדות צוא הרגנן א מענטש (דמו ודם זרעיותיו תלוין בו עד סוף העולם) זיין בלוט און דיא בלוט פון זיינע קינדער וואס ער וואלט האבין אז ער וואלט געלעבט. און דיא קינדער וואלטין ווייטער האבין קינדער ביז צום סוף וועלט. דאס איינגט אלין אויף דיא פאלשע עדות. זייא הרגנן ניט נאר איין מענטש. נאר טויזענדער מענטשין מיט איין מאהל (שכן מצינו בקין שהרג את אחיו) אזוי געפינען מיר בייא קין. ער האט נאר געהרגעט איין מענטש. זיין ברודער (נאמר בו) שטייט בייא אים (קול דמי אחיך צועקים) דער קול פון דיא בלוטין פון דיין ברודער זייא שרייען (אינו אומר דם אחיך) נאט האט ניט געזאגט דיא בלוט פון דיין ברודער (אלא דמי אחיך) נאר דיא בלוטין פון דיין ברודער. פיל בלוטין (דמו ודם זרעיותיו) זיין בלוט און דיא בלוט פון דיא קינדער ווס ער וואלט האבין (דבר אחר) נאך אזאך קען מען זאגין. פאר וואס שטייט אין פסוק (דמי אחיך) דיא בלוטין פון דיין ברודער. פיל בלוט (שהיה דמו מושלך על העצים ועל האבנים) ווייל זיין בלוט איז פאר גאסין געווארין אויף עטליכע ארטער. אויף העלצער אויף שטיינער ופון דבר אחר ביז לפיכך זאגין ניט בית דין. נאר ווייל דיא משנה שמועסט

ועל האבנים. לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך שכל המאבד נפש אחת מבני אדם. מעלה עליו הכתוב כאילו איבד עולם מלא. וכל המקיים נפש אחת מבני אדם. מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא. ומפני שלום הבריות. שלא יאמר אדם לחברו אבא גדול מאביך. ושלא יהו מינין אומרים הרבה רשויות בשמים. ולהגיד גדולתו של הקב"ה שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכולן דומין זה לזה. ומלך מלכי המלכים הקב"ה טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהן דומה לחברו. לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי

יעידו שקר: מאומד. שסברת טועה שהוא כן: דיני ממונות. אם העיד לחייב לזה ממון שלא כדין. מחזירו לו ומתכפר: לפיכך נברא יחידי. להראותך שמאדם אחד נתיישב מלואו של עולם: רשויות הרבה. אלהות הרבה יש

---

פון דעם פסוק דמי אחיך. זאגט די משנה נאך אפשט אויף דעם פסוק אויסער דעם וואס בית דין זאגן. אונ פון לפיכך אונווייטער. זאגין בית דין צוא די עדות (לפיכך נברא אדם יחידי) דריבער איז דער מענטש. אדם הראשון בשאפין געווארין אליין (ללמדך) צוא לערנען אונז (שכל המאבד נפש אחת) דער וואס פארלירט איין מענטש (מעלה עליו הכתוב כאילו איבד עולם מלא) רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט פארלארין אגאנצע וועלט (וכל המקיים נפש אחת) אונ דער וואס מאכט לעבעדיג איין מענטש. אמענטש האט זיך גיטרונקען אין אטייך. אדער ער איז גיוועזן אין איין אנדער סכנה אונ מען האט אים דער האלטין ביים לעבין (מעלה עליו הכתוב) רעכונט אויף אים דער פסוק (כאילו קיים עולם מלא) גלייך ווי ער וואלט דר האלטין ביים לעבין אגאנצע וועלט (ומפני שלום הבריות) אונ דריבער איז אדם הראשון בשאפין גיווארין אליין. עס זאל זיין שלום צווישען מענטשין (שלא יאמר אדם לחברו) אמענטש זאל ניט זאגין צוא זיין חבר (אבא גדול מאביך) מיין טאטע איז גרעסער וויא דיין טאטע. ווארום אלע זענען גיבארין פון איין טאטע. פון אדם הראשון (ושלא יהיו אפיקורסים אומרים) אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אליין. די אפיקורסים זאלין ניט זאגין (הרבה רשויות בשמים) פיל געטער זענען דא אין הימל. יעדער גאט האט בשאפין איין אנדער מענטש (ולהגיד גדולתו של הקדוש ברוך הוא) אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אליין. צוא זאגין די גרויסקייט פון גאט (שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד) אז אמענטש מאכט פיל מטבעות אין איין פארם (וכולן דומין זה לזה) מוזין אלע מטבעות האבין איין צורה. אונ מוזין זיין גלייך איינע צוא די אנדערע (ומלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון) אונ גאט האט בשאפין אלע מענטשין פון אדם הראשון. פון אדם הראשון זענען אלע מענטשין גיבארין גיווארין (ואין אחד מהן דומה לחברו) אונ איין מענטש איז ניט גלייך צום אנדערין (לפיכך כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם) דריבער דארף יעדער מענטש זאגין פון מייגעטוועגין איז די וועלט בשאפין גיווארין. ווייל איך בין איינער אויף די וועלט מיט מיין צורה. נאך איינער ריכטיג מיט אזוי אצורה וויא איך האב. איז ניטא. אונ ווייל די וועלט איז בשאפין גיווארין נאר פון מיינטוועגין דארף ער זעהן ער זאל ניט זינדיגען אונ ער זאל ניט פארליערען זיך מיט אלע קינדער וואס קענען פון אים גיבארין ווערין ביז סוף וועלט פון ומפני שלום הבריות ביז ושמא תאמרו. זאגין ניט בית דין. נאר ווייל די משנה שמועסט פאר וואס אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אליין. זאגט די משנה נאך טעמים אויף דער זאך.

וכל אחד ברא את שלו: מה לנו ולצרה הזאת. להכניס ראשנו בדאגה זו ואפי' על האמת: והלא כבר נאמר והוא עד. וחייבין אתם להגיד מה שראיתם: ושמא תאמרו מה לנו לחוב. להיות מחויבים בדמו של זה נוח לנו לעמוד באלה לא יגיד הרי הוא אומר באבוד רשעים רנה. והא רשע הוא אין כאן עון כלל:

פרק ה היו בודקין אותן. אחר שאיימו עליהן היו בודקין אותן בשבע חקירות כנגד שבעה לשונות שנאמרו במקרא

אחר הוא אומר (שם יז) והוגד לך ושמעת ודרשת' היטב יש כאן שנים אחרים. הרי לך חמשה. ובמקום אחר הוא אומר (שם יט) ודרשו השופטים היטב שנים אחרים הרי כאן שבעה: באיזו שבוע. של יובל: באיזו שנה. של שבוע: באיזה יום. של שבת: באיזו שעה. של יום. שכל השבע חקירות כולן מביאות אותן לידי הזמה. ושמא אין עדים להזימן לכל היום. ויש עדים להזימן לאותה שעה: רבי יוסי אומר. אין צריך אלא שלשה חקירות. באיזו

בחייבי מיתות ב"ד. ודרשת. וחקרת. ושאלת יום באיזו שעה. באיזו מקום. ואין הלכה היטב (דברים יג) הרי כאן שלשה. ושאלת כרבי יוסי אלא אפי' אמרו העדים אתמול איזו מן המינין שממנו למדנו בדיקות ובמקום כגון. בודקין אותן בשבע חקירות כדי שתטרף

נברא העולם. ושמא תאמרו מה לנו ולצרה הזאת. והלא כבר נאמר (ויקרא ה) והוא עד או ראה או ידע אם לא יגיד וגו'. ושמא תאמרו מה לנו לחוב בדמו של זה. והלא כבר נאמר (משלי יא) באבוד רשעים רנה:

## פרק ה

**היו** בודקין אותן בשבע חקירות. באיזו שבוע. באיזו שנה. באיזו חדש. בכמה בחדש. באיזו יום. באיזו שעה. באיזו מקום. רבי יוסי אומר באיזה יום.

---

אויבער דעם וואס בית דין זאגין. אונ פון ושמא תאמרו ביז צום סוף פרק זאגין ווייטער בית דין צו די עדות (ושמא תאמרו מה לנו ולצרה הזאת) טאמער וועט איר זאגין צו וואס טויג אונז די צרה. אפילו מיר ווייסין עס איז אמת. צו וואס זאלין מיר אויף אונז נעמען דעם זארג פון דעם מוסר. טאמער האבין מיר אין איין זאך אטעות (והלא כבר נאמר עס שטייט שוין אבער לאנג אין די תורה (והוא עד או ראה או ידע אם לא יגיד ונשא עונו) אז ער איז אעדות. ער האט גיזעהן די זאך. אדער ער ווייס פון די זאך. אויב ער וועט ניט זאגין וועט ער גישטראפט ווערין. דריבער אויב איר ווייסט אמת עדות צו זאגין מוזט איר זאגין (ושמא תאמרו מה לנו לחוב בדמו של זה) טאמער וועט איר זאגין צו וואס זאלין מיר אונז פאר שולדיגען אין זיין בלוט. צו וואס זאל דורך אונז גיהרגת ווערין אמענטש. מיר וועלין בעסער האבין די עבירה פון אם לא יגיד איידער אמענטש זאל גיהרגת ווערין דורך אונז (והלא כבר נאמר באבוד רשעים רנה) עס שטייט שוין לאנג אין פסוק אז ארשע ווערט פארלארין פון די וועלט דארף מען זינגען. דריבער אויב איר ווייסט אז ער איז ארשע וועט איר נאך האבין אמצוה וואס ער וועט גיהרגת ווערין דורך אייך:

פרק ה א (היו בודקין אותן בשבע חקירות) מען האט גיפארשט די עדות מיט זיבען ערליי פארשונגען (באיזה שבוע) אין וועלכע שמטה פון יובל (באיזה שנה) אין וועלכען יאהר פון שמטה (באיזה חודש) אין וועלכין חודש (בכמה בחודש) ווי פיל טעג אין חודש (באיזה יום) אין וועלכין טאג אין וואך (באיזה שעה) וועלכע שעה אין טאג (באיזה מקום) אויף וועלכין ארט. רבי יוסי זאגט מען דארף נאר פרעגין דריי זאכין (באיזה יום) וועלכין

שתערף דעתן עליהן ויודו אם יש פסול בעדותן:
מבירין אתם או ו. ההרוג. שמא עו״ג הוא
וזו אינה מן החקירות שמביאות לידי הזמה
אלא כאלו בדיקות שאינן אלא נעשות העדות
מוכחשת שהוא לא
יאמר האחד כדברי
חברו. והוא והן יהיו
פטורים: את מי עבד.
לפעור. או למרקוליס:
ובמה עבד. בזבוח. או
בהשתחוי׳: ב בן
זכאי. ר׳ יוחנן בן
זכאי. ותלמיד דן
לפני רבו היה באותו
שעה. לכך קוראו בן
זכאי. בעוקצי תאנים.
שהיו מעידים עליו
שהרגו תחת התאנה. ובדק בן זכאי האמור

באיזו שעה. באיזה מקום. מכירין אתם אותו. התריתם בו. העובד כוכבים. את מי עבד. ובמה עבד:
ב כל המרבה בבדיקות הרי זה משובח. מעשה ובדק בן זכאי בעוקצי תאנים. ומה בין חקירות לבדיקות. חקירות. אחד אומר איני יודע עדותן בטלה. בדיקות. א׳ אומר אי׳ ואפי׳ ב׳ אומרים אין אנו יודעין עדותן קיימת. א חקירות וא׳ בדיקות בזמן שמכחישין זה את זה. עדותן בטלה: ג אחד אומר

זו עיקלים דקים או גסים. עוקץ זנב ספרי
מקום חבורו לאילן: אמר אחד איני יודע עדותן
בטלה. דשוב אי אתה יכול להזימן באותה
חקירה. וכל זמן שאי אפשר לקיים תורת
הזמה באחד מן
העדים. כל העדות
בטלה ואפי׳ הן מאה.
דאין העדים נעשים
זוממים עד שיזומו
כולן: בדיקות. אפי׳
אמרו כולן אין אנו
יודעים. מלות הזמה
ראויה להתקיים. דאין
הזמה תלויה אלא
בחקירה לומר עמנו
הייתם באותה שעה
במקום אחר: עדותן
בטלה. כל עדותן בטלה שבגמרא. הוא והן

---

טאג (באיזו שעה) וועלכע שעה (באיזה מקום) אויף וועלכן ארט. דער נאך פרעגט מען די עדות (מכירין אתם אותו) האט איר געקענט דעם רוצח ועתי״ו (התריתם בו) האט איר אים געזאגט ער זאל ניט טאהן די עבירה ווארום מען וועט אים הרגנן. אונ ער האט געענפערט איך טוה דאס טאקי מען זאל מיך הרגנן. עיין ת״יו (העובד עבודת כוכבים ומזלות) אז די עדות זאגן אויף איינעם ער האט געדינט צוא דיא שטערין. אדער צו איין אנדער עבודה גלולים. פרעגט מען דיא עדות (את מי עבד) וועלכע עבודת גלולים האט ער געדינט. וויא הייסט דיא עבודת גלולים. פעור אדער מרקולים (ובמה עבד) אונ מיט וואס האט ער געדינט צו די עבודת גלולים: ב (כל המרבה בבדיקות הרי זה משובח) דער בית דין וואס פרעגט מער אויס דיא עדות. דער ווערט גילויבט. ער האט גוט גיטאהן (מעשה ובדק בן זכאי בעוקצי תאנים) עס האט גיטראפין מען האט עדות גיזאגט אויף איינעם ער האט גיהרגת א מענטשין אונטער א פייגן בוים. האט רבי יוחנן בן זכאי גיפרעגט דיא עדות. דיא ווידלען פון דיא פייגן זענען גיוועזן גרבע אדער דינע. איין עדות האט גיזאגט גראבע אונ איינער האט גיזאגט דינע. זיי האבן גילייקנט איינער דעם אנדערין. איז בטל גיווארין דיא עדות. אונ מען האט דעם מענטשין ניט גיהרגת (ומה בין חקירות לבדיקות) וואס איז דער אונטערשייד צווישען חקירות אונ בדיקות שטייט אין פ״ד מ״א. חקירות שטייט אין מ א (חקירות אחד אומר איני יודע) ביי חקירות אויב איין עדות זאגט איך וויים ניט (עדותן בטלה) איז דיא עדות זייערע בטל (בדיקות אחד אומר איני יודע) אבער ביי בדיקות אויב איין עדות זאגט איך וויים ניט (ואפילו שנים אומרים אין אנו יודעים) אפילו ביידע עדות זאגן מיר ווייסין ניט ועתי״ט. פון דעסטוועגין (עדותן קיימת) איז זייערע עדות גוט (אחד חקירות ואחד בדיקות) סיי ביי חקירות אונ סיי ביי בדיקות (בזמן שמכחישין זה את זה) אז זיי לייקענען איינער דעם אנדערין. דער עדות זאגט אזוי איז גיוועזן אונ דער אנדערער עדות זאגט אנדערש איז גיוועזן (עדותן בטלה) איז זייערע עדות בטל: ג אחד אומר בשנים

פטורים: ג שזה יודע בעבורו של חדש. זה שאמר בשני' ידע שהחדש שעבר מלא היה ויום ראשון של חדש שהוא יום ל' מהחדש שעבר היה ודוקא עד חצי החדש אבל מחצי החדש ואילך עדותן בטל' שהזק' אין טועה חצי החדש עד שהכל העולם יודעים מתי קדשו ב"ד החדש: רבי יהודה אומר קיימת. דעביד

בשנים בחדש. ואחד אומר בשלשה בחדש. עדותן קיימת. שזה יודע בעבורו של חדש. וזה אינו יודע בעבורו של חדש. אחד אומר בשלשה. ואו' אומר בה'. עדותן בטלה. אחד אומר בב' שעות. ואחד אומר בשלש שעות. עדותן קיימת. אחד אומר בשלש. ואחד אומר בחמש עדותן בטלה. רבי יהודה אומר קיימת. אחד אומר בחמ' ואחד אומר בשבע. עדותן בטלה.

שבחמש

בחודש) איין עדות זאגט מיטוואך דעם אנדערן טאג אין חודש האט ראובן גיהרגת שמעון ואחד אומר בשלשה בחודש) אונ איין עדות זאגט מיטוואך דעם דריטען טאג אין חודש האט ראו..ן גיהרגת שמעון (עדותן קיימת) איז זייערע עדות גוט (שזה יודע בעיבורו של חודש) דער וואס זאגט אז מיטוואך איז גיוועןן דער אנדערער טאג אין חודש. האט גיוואכט אז דער פריערדיגער חודש איז גיוועןן מעוברי דרייסיג טעג. איז ראש חודש גיוועןן דינסטאג. אונ מיטוואך איז דער אנדערער טאג אין חודש (וזה אינו יודע בעיבורו של חודש) אונ דער וואס זאגט אז מיטוואך איז גיוועןן דער דריטער טאג אין חודש. האט ניט גיוואכט אז יענער חודש איז גיוועןן "מעובר" דרייסיג טעג. ער האט גימיינט אז יענער חודש איז נאר גיוועןן ניין אונ צוואנציג טעג. איז גיוועןן ראש חודש מאנטאג אונ מיטוואך איז דער דריטער טאג אין חודש (אחד אומר בשלשה) אויב איין עדות זאגט מיטוואך דעם דריטען טאג אין חודש האט ראובן גיהרגת שמעון (ואחד אומר בחמשה) אונ איין עדות זאגט מיטוואך דעם פינפטען טאג אין חודש האט ראובן גיהרגת שמעון (עדותן בטלה) איז זייערע עדות בטל. ווארום אין צוויי טעג קען מען ניט א טעות האבען. נאר איינער זאגט ליגען (אחד אומר בשתי שעות) איין עדות זאגט מיטוואך צוויי שעה אויפין טאג האט ראובן גיהרגת שמעון (ואחד אומר בשלש שעות) אונ איין עדות זאגט מיטוואך דריי שעה אויפין טאג האט ראובן גיהרגת שמעון (עדותן קיימת) איז דיא עדות זייערע גוט. ווארום אמענטש קען האבין א טעות פון די צווייטע שעה אונ מיינען אז דאס איז די דריטע. אדער פון דיא דריטע שעה אונ מיינען אז דאס איז דיא צווייטע. וואגין ביידע אמת נאר איינער פון זייא האט א טעות גיהאט אין די שעה (אחד אומר בחמש) אבער אז איין עדות זאגט מיטוואך פינף שעה אויפין טאג האט ראובן גיהרגת שמעון (ואחד אומר בשלש) אונ איין עדות זאגט מיטוואך דריי שעה אויפין טאג האט ראובן גיהרגת שמעון (עדותן בטלה) איז זייערע עדות בטל. ווארום פון די דריטע שעה אויף דיא פינפטע. אדער פון דיא פינפטע שעה אויף דיא דריטע קען מען ניט האבין קיין טעות. רבי יהודה זאגט (קיימת) זייערע עדות איז גוט. ווארום אמענטש קען האבען א טעות פון דיא דריטע שעה אונ מיינען דאס איז דיא פינפטע. אדער פון די פינפטע שעה אונ מיינען דאס איז דיא דריטע. וואגין ביידע אמת נאר איינער פון זייא האט א טעות גיהאט אין די צוויי שעה (אחד אומר בחמש) אבער אז איין עדות זאגט מיטוואך פינף שעה אויפין טאג האט ראובן גיהרגת שמעון (ואחד אומר בשבע) אונ איין עדות זאגט מיטוואך זיבען שעה אויפין טאג האט ראו..ן גיהרגת שמעון (עדותן בטלה) איז זייערע עדות בטל ווארום פון דיא פינפטע שעה אויף דיא זיבעטע שעה. אדער פון די זיבעטע שעה אויף די פינפטע שעה קען ניט זיין קיין טעות (שבחמש חמה במזרח) ווארום דיא פינפטע שעה אויפין טאג

שבהמש חמה במזרח. ובשבע חמה במערב: ד ואחר כך מכניסין את השני. ובודקין אותו. אם נמצאו דבריהם מכוונין. פותחין בזכות. אמר אחד מן העדים יש לי ללמד עליו זכות. או אחד מן התלמידים יש לי ללמד עליו חובה. משתקין אותו. אמר אחד מן התלמידים יש לי ללמד [עליו] זכות. מעלין אותו ומושיבין אותו ביניהן. ולא היה יורד משם כל היום כולו. אם יש ממש בדבריו שומעין לו. ואפילו הוא אומר יש לי ללמד על עצמי זכות. שומעין לו. ובלבד שיש ממש בדבריו: ה אם מצאו לו זכות. פטרוהו. ואם

היינו דבעי כולי האי: חמה במזרח. ממקום זריחת החמה עד אמצע הרקיע קרוי מזרח. ומאמצע הרקיע עד מקום השקיעה קרוי מערב: ד נמצאו דבריהם מכוונים. ומעתה צריכין לישא וליתן בדבר: פותחין בזכות. אם לא עברת אל תירא: אמר אחד מן העדים יש לי ללמד עליו זכות. אפי' זכות. וכ"ש חובה משתקי' אותו דכתיב (במדבר לה) ועד אחד לא יענה. בין לזכות בין לחובה: אמר אחד מן התלמידים. היושבים לפני הדיינים יש לי ללמד עליו חובה: משתקין אותו. דכתיב (שם) ועד א' לא יענה בנפש למות. למות הוא דאינו עונה. הא לזכות עונה: אינו יורד משם כל היום. ואפי' שאין ממש בדבריו. אבל יש ממש בדבריו

איז די זוהן אין מזרח זייט (ובשבע חמה במערב) אונ די זיבעטע שעה אויפן טאג איז די זוהן אין מערב זייט: ד (ואחר כך מכניסים את השני) דער נאך ברייננט מען אריין צו בית דין דעם אנדערן עדות (ובודקים אותו) אונ מען פרעגט אים אויך די אלע זאכין וואס מען האט געפרעגט דעם ערשטין עדות (אם נמצאו דבריהם מכוונים) אויב עס איז געפונען געווארין זייערע רייד גלייך (פותחין בזכות) הייבט מען אן גערעכט צו מאכין אים. אונ מען זאגט צו אים אויב דוא האסט ניט געטאהן די עבירה זאלסטו ניט מורא האבין (אמר אחד מן העדים יש לי ללמד עליו זכות) אויב איינער פון די עדות זאגט איך וויים צו לערנען אויף אים גערעכט צו מאכען אים אדער אומגערעכט צו מאכין אים: הייסט מען אים שווייגין. ווארום א עדות טאר ניט זיין א דיין אויף די זאך וואס ער זאגט עדות (או אחד מן התלמידים יש לי ללמד עליו חובה) אדער איינער פון די תלמידים זאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז אומגערעכט (משתקין אותו) הייסט מען אים שווייגין (אמר אחד מן התלמידים יש לי ללמד עליו זכות) אבער אז איינער פון די תלמידים זאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז גערעכט (מעלין אותו ומושיבין אותו ביניהם) ברייננט מען אים אויף פון זיין ארט אונ מען זעצט אים צווישען די דיינים (ולא היה יורד משם כל היום כולו) אונ ער איז ניט אוועק גיגאנגען פון די דיינים א גאנצין טאג. אפילו ער האט געזאגט אזוינע רייד. ער האט ניט גערעט מיט שכל ואבער אז ער האט גערעט מעות גיהאט אין זיינע רייד. ער האט ניט גערעט מיט שכל ואבער אז ער האט גערעט מיט שכל אונ מיט חכמה בלייבט ער צווישען די דיינים אויף אלע מאהל. עת"י (אם יש ממש בדבריו שומעין לו) אויב די רייד פון דעם תלמיד זענען גערעט מיט חכמה. הערט מען זיין דעה גלייך ווי מען הערט די דעה פון אלע דיינים. אונ אז מען ציילט די דעות פון די דיינים. ווי פ ל עס זאגין ער איז גערעכט אונ ווי פיל עס זאגין ער איז אומגערעכט, ציילט מען די דעה פון דעם תלמיד אויך (ואפילו הוא אומר יש לי ללמד על עצמי זכות) אפילו ער אליין זאגט איך וויים צוא לערנען אויף מיר אז מען דארף מיך ניט הרגנן (שומעין לו) הערט מען וואס ער זאגט (ובלבד שיהא ממש בדבריו) נאר זיינע רייד זאלין זיין מיט חכמה ווי א מבין: ה (אם מצאו לו זכות פטרוהו) אויב מען געפינט אז מען דארף אים ניט הרגנן. הייסט מען אים גיין אהיים אונ ער איז שוין פריי (ואם לאו) אונ אויב ניט אויב מען

לינו יורד משם לעולם: ה מעבירין א״תו למחר מע ירין את הדין עד למחר משום הלנת הדין: שנים עשר מחייבין ואחד עשר מזכין. והצריך לרעת ע״פ אחד ליתא ס קך יוסיפו כדיינים: ואפילו שנים ועשרים מזכין או מחיבין ואחד אומר איני יודע. יוס פו דיינים. דהלי דלמר איני יודע כמאן דליתיס

לאו מע ירין דינו ל־ח־. היו מזדווגין זגות זגות. וממעטין במאכל. ולא היו ש תין יין כל היום. ונושאין ונותנין כל הלילה. למחרת משכימין ובאין לב״ד. המזכה אומר אני מזכה ומזכה אני במקומי. והמחייב אומר אני מחייב ומחייב אני במקומי. המלמד חובה מלמד זכות. אבל המלמד זכות. אינו יכול לחזור וללמד חובה. טעו בדבר שני סופרי הדיינין מזכירין אותן. אם מצאו לו זכות פטרוהו. ואם לאו עומדים למנין. י״ב מזכין. וי״א מחייבין. זכאי. י״ב מחייבין וי״א מזכין. ואפילו י״א מזכין. וי״א מחייבין. ואחד אומר איני יודע. אפילו כ״ב מזכין או מחייבין ואחד

אומר

זעהט אז מען וועט אים דארפין הרגנן (מעבירין דינו למחר) לאזט מען דעם דין אויף מארגין (היו מזדווגין זוגות זוגות) אונ דיא דיינים גייען אהיים אונ בהעפטין זיך פארינוויז צו קלערין דעם דין (וממעטין במאכל ולא היו שותין יין כל היום) אונ דעם גאנצין טאג האבען זיא ווייניג גיגעסין אונ ניט גיטרונקען וויין (ונושאין ונותנין כל הלילה) אונ דיא דיינים האבין גיטוזט קלערין דעם דין אגאנצע נאכט (ולמחרת משכימין ובאין לבית דין) אויף מארגין זענען דיא דיינים גיקומען פריא אין דיא שטוב וואס זייא משפטין (המזכה) דער וואס האט אים געכטין גירעכט גימאכט (אומר) זאל ער זאגין (אני מזכה) איך האב אים גערכטין גירעכט גימאכט (ומזכה אני במקומי) אונ איך בין נאך אויף מיין ארט אים היינט אויך גירעכט צוא מאכען אונ ער טאר ניט חרטה האבין (והמחייב) אונ דער וואס האט אים נעכטין בשולדיגט. אונ האט ניט גיפונען ביי נאכט אים גירעכט צו מאכען (אומר) זאל ער זאגין (אני מחייב) איך האב אים געכטין בשולדיגט (ומחייב אני במקומי) אונ איך בין נאך אויף מיין ארט אים היינט אויך צו בשולדיגן (המלמד חובה) דער וואס האט גילערנט אים צו בשולדיגען (מלמד זכות) מעג חרטה האבין אונ לערנען אים גירעכט צו מאכין (אבל המלמד זכות) אבער דער וואס האט גילערנט אים גירעכט צו מאכין (אינו יכול לחזור וללמד חובה) טאר ניט חרטה האבין אונ לערנען אים צו בשולדיגען (טעו בדבר) אויב מען נידיינקט ניט ווער עס האט אים נעכטין גירעכט גימאכט אונ ווער עס האט בשולדיגט (שני סופרי הדיינין מזכירין אותן) דיא צוויי שרייבערס פון די דיינים דער מאנען זייא. יעדין בזונדער וויא ער האט גיזאגט (אם מצאו לו זכות) אויב מען געפינט היינט אז מען דארף. ים ניט הרגנן (פטרוהו) הייסט מען אים אהיים גיין פריי (ואם לאו) אונ אויב ניט. אויב מען זעהט אז מען וועט אים דארפין הרגנן (עומדים למנין) שטעלין זיך די דיינים מען זאל זיי ציילין. ווי פיל עס זאגין זכאי אונ וויא פיל עס זאגין חייב (שנים עשר מזכין ואחד עשר מחייבין) אויב צוועלף דיינים זאגין זכאי אונ עלף דיינים זאגין חייב (זכאי) בלייבט ער גירעכט אונ מען הרגעט אים ניט (שנים עשר מחייבין ואחד עשר מזכין) אויב צוועלף דיינים זאגין חייב אונ עלף דיינים זאגין זכאי (ואפילו אחד עשר מזכין ואחד עשר מחייבין) אונ אפילו עלף דיינים זאגין זכאי אונ עלף דיינים זאגין חייב (ואחד אומר איני יודע) אונ איין דיין זאגט איך ווייס ניט (ואפילו עשרים ושנים מזכין או מחייבין) אונ אפילו צוויי אונ צוואנציג דיינים זאגין זכאי. אדער זייא זאגין חייב (ואחד אומר איני יודע) אונ איין דיין, זאגט איך ווייס ניט (יוסיפו הדיינין)

דמי. והאי דמין ד כ. לא לזכות ולא לחובה. בפחות משלשה ועשרים: שנים שנים. אם נחלקו השנים שהוסיפו זה לכאן וזה לכאן דהשתא ליכא הכא לא לחובה ע"פ אחד ולא לזכות ע"פ שנים: צריך להוסיף עוד שנים וכן עד שבעים ואחד: עד שיראה אחד מן המחייבים דברי המזכין. דאיכא השתא לחובה ע״פ אחד. וה״ה אם יראה אחד מן המזכים דברי המחייבים דבשעת גמר דין קיימא לן דאף המלמד זכות יכול ללמד חובה. והאי דלא תני או עד שיראה אחד מן המזכין דברי המחייבין. דהא אזכות קמהדר:

פרק ו נגמר הדין חוץ לב״ד. רחוק מב״ד. שמא בעוד שמוליכין אותו לבית הסקילה ימצאו לו זכות ויפטר: והסודרין בידו

אומר אני יודע. יוסיפו הדיינין. עד כמה מוסיפין שנים שנים. עד שבעים ואחד. שלשים וששה מזכין. ושלשים והמשה מחייבין. זכאי. שלשים וששה מחייבין. ושלשים וחמשה מזכין. דנין אלו כנגד אלו. עד שיראה אחד מן המחייבין. דברי המזכין:

פרק ו נגמר הדין. מוציאין אותו לסקלו. בית הסקילה היה חוץ לבית דין. שנאמר (ויקרא כד) הוצא את המקלל. אחד עומד על פתח ב״ד. והסודרין בידו. (ואדם אחד רוכב) הסוס רחוק ממנו. כדי שיהא רואהו. אומר אחד יש לי ללמד עליו זכות. הלה

---

זאל מען זעצן נאך דיינים (עד כמה מוסיפין) ווי פיל דיינים זאל מען זעצן (שנים שנים) צוויי דיינים. אויב איינער זאגט זכאי אונ איינער זאגט חייב. זעצט מען נאך צוויי דיינים. אויב פון דיא צוויי זאגט אויך איינער זכאי אונ איינער חייב. זעצט מען נאך צוויי דיינים. אונ אזוי ווייטער ביז איין אונ זיבעציג דיינים. אויב פון דיא איין אונ זיבעציג דיינים (שלשים וששה מזכין) זעקס אונ דרייסיג זאגין זכאי (ושלשים וחמשה מחייבין) אונ פינף אונ דרייסיג זאגין חייב (זכאי) בלייבט ער גירעכט אונ מען הרגת אים ניט (שלשים וששה מחייבין) אויב זעקס אונ דרייסיג זאגין חייב (ושלשים וחמשה מזכין) אונ פינף אונ דרייסיג זאגין זכאי (דנין אלו כנגד אלו) דארפין קלערין דיא פינף אונ דרייסיג דיינים מיט די זעקס אונ דרייסיג דיינים אזוי לאנג (עד שיראה אחד מן המחייבין דברי המזכין) ביז איינער פון דיא וואס זאגין חייב וועט הרטה האבין פון זיינע רייד אונ וועט אויך זאגין זכאי. וועט זיין זעקס אונ דרייסיג דיינים וואס זאגין זכאי. אונ פינף אונ דרייסיג דיינים וואס זאגין חייב. וועט ער בלייבין גירעכט אונ מען וועט אים ניט הרגנן ע״ין תי״ט

דבור המתחיל שנים שנים. עד שיראה:

פרק ו א (נגמר הדין מוציאין אותו לסקלו) אויב דער דין איז ניפסקת גיווארען מען זאל אים הרגנן. פירט מען אים צום פאר שטיינען (בית הסקילה היה חוץ לבית דין) דער ארט ווא מען האט אים פר שטיינט איז גיוועזן ווייט פון בית דין (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (הוצא את המקלל) מען זאל ארויס פירען דעם וואס האט גישאלטן גאט. אונ מען זאל אים פר שטיינן. אז דער פסוק זאגט מען זאל אים ארויס פירען. איז דאך דער ארט ניט גיוועזן ביי בית דין (אחד עומד על פתח בית דין) איינער איז גישטאנען ביי דיא טיר פון בית דין אונ האט גיהאלטין א טוך אין האנט (ואדם אחד רוכב הסוס רחוק ממנו כדי שיהא רואהו) אונ א מענטש האט גערייטען אויף א פערד ווייט פון דעם מענטש וואס איז גישטאנען ביי דיא טיר פון בית דין. נאר דער וואס זיצט אויף דעם פערד זאל קענען זעהן ווי מען וועט אויפהייבן דעם טוך ביי דיא טיר פון בית דין (אומר אחד יש לי

ללמד

בידו. להניף והיה סימן להחזירו: ובלבד שיהא ממש בדבריו. ואם אין ממש בדבריו. פעם ראשונה ושניה בלבד מחזירים אותו דלמא מחמת בעתותא נסתתמו טענותיו ואולי תתישב דעתו עליו ויזכור טענותיו. יותר ע"כ אין מחזירין אותו ומוסרין לו שני ת"ח ביעיט אם יש ממש בדבריו שלא מחזירין אותו ארבע וחמשה פעמים: ופלוני ופלוני עדיו. שעבר עבירה פלונית ביום פלוני בשעה פלונית. במקום פלוני דלמא איכא דמזים להו: ב היה רחוק מבית הסקילה. דקרוב לבית הסקילה שמא תטרוף דעתו ולא יכול להתודות: ותן לו תודה. ואע"ג דאין אדם

מניף בסודרין והסוס רץ ומעמידו. ואפי' הוא אומר יש לי ללמד על עצמי זכות. מחזירין אותו אפילו ד' וה' פעמים. ובלבד שיש ממש בדבריו. מצאו לו זכות. פטרוהו. ואם לאו. יוצא ליסקל. וכרוז יוצא לפני'. איש פלוני בן פלוני יוצא ליסקל. על שעבר עבירה פלונית. ופלוני ופלוני עדיו. כל מי שיודע לו זכות. יבא וילמד עליו: ב היה רחוק מבית הסקילה כעשר אמות. אומרים לו התודה שכן דרך המומתין מתודין.

ללמד עליו זכות) אויב איין דיין זאגט איך וויים צוא לערנען אויף אים אז ער איז גירעכט (הלה מניף בסודרין) דער וואס איז גישטאנען ביים דיא טיר האט אויף גיהויבין דעם מאנטיל (והסוס רץ ומעמידו) אונ דער וואס איז גיזעסין אויף דעם פערד איז גילאפין אונ האט אויף גיהאלטין מען זאל אים נאך ניט הרגנן. ביז מען וועט זעהן אויב עס איז ריכטיג וויא דער דיין זאגט. אדער גיין ואפילו הוא אומר יש לי ללמד על עצמי זכות) אפילו ער אליין זאגט איך וויים צוא לערנען אויף מיר אז איך בין גירעכט (מחזירין אותו) ברייננט מען אים צוא ריק צוא בית דין (אפילו ארבעה וחמשה פעמים ובלבד שיש ממש בדברו) טען האט געשיקט מיט אים צוויא לומדים. אויב דיא לומדים האבין גיזעהן אז זיינע רייד איז מיט חכמה עס קען זיין ער זאל גירעכט זיין האט מען אים גיבראכט צוא ריק צוא בית דין. (מצאו לו זכות) אויב בית דין האבין גיזעהן דער דין איז וויא ער זאגט (פטרוהו) האט מען אים גיהייסין גיין אהיים פרייא (ואם לאו) אונ אז בית דין האבין גיזעהן דער דין איז גיט וויא ער זאגט (יוצא ליסקל) האט מען אים צוא ריק געפירט צום פארשטייגען. אויב אין וועג האט ער נאך אמאהל גיזאגט ער קען זיך גירעכט מאכין. האבין דיא לומדים ווידער געהערט. אויב ער זאגט מיט חכמה עס קען זיין ער איז גירעכט האט מען אים געפירט צוא ריק צוא בית דין. אויב בית דין האבין גיזעהן דער דין איז גיט וויא ער זאגט. האט מען אים צוא ריק געפירט צום פאר שטייגען. אונ אזו האט מען גיטאהן ביז פיר פינף מאהל אונ נאך מעהר אויב מען האט גאר גיזעהן אז עס קען זיין ער איז גירעכט. אבער אז דיא לומדים האבין גיזעהן זיינע רייד איז נאריש. דיא ערשטע צוויא מאהל האט מען אים צוא ריק געפירט צוא בית דין. מעהר נישט (וכרוז יוצא לפניו) אונ איינער איז גיגאנגען פאר אוים. אונ האט געשריגען (איש פלוני בן פלוני) דער מענטש וואס ער איז דער זוהן פון דעם מענטש (יוצא ליסקל) גייט פאר שטיינט צוא ווערין (על שעבר עבירה פלונית) ווייל ער האט גיטאהן דיא עבירה אין דעם טאג אונ אין דיא שעה אונ אויף דעם ארט (ופלוני ופלוני עדיו) דער מענטש אונ דער מענטש זענען דיא עדות (כל מי שיודע לו זכות יבא וילמד עליו) ווער עס וויים אים גירעכט צוא מאכין זאל ער קומען צוא בית דין זאגין: ב (היה רחוק מבית הסקילה כעשר אמות) אז ער איז גווען ווייט צעהן איילין פון דעם ארט וואס מען דארף אים פארשטייגען (אומרים לו התודה) זאגט מען צוא אים ער זאל

שכל המתודה יש לו חלק לעולם הבא. שכן מצינו בעכן שא"ל יהושע (יהושע ז) בני שים נא כבוד לאלהי ישראל ותן לו תודה וגו'. ויען עכן את יהושע ויאמר אמנה אנכי חטאתי כזאת וגו'. ומנין שכיפר לו וידויו. שנאמר (שם) ויאמר יהושע למה עכרתנו יעכרך ה' היום הזה. היום הזה אתה עכור. ואי אתה עכור לעוה"ב. ואם אי להתודות אומרי' לו אמור תהא מיתתי כפרה על כל עונותי. רבי יהודה אומר אם היה יודע שהוא מוזמם. אומר תהא מיתתי כפרה על כל עונותי חוץ מעון זה. א"ל א"כ יהו כל אדם אומרים כך כדי לנקות את עצמן: ג היה רחוק מבית הסקילה ארבע אמות. מפשיטין אותו את בגדיו. האיש מכסין אותו מלפניו. והאשה מלפניה ומאחריה דברי רבי יהודה. וחכ"א

אדם נהרג ע"פ עצמו הודאת עכן הוראת שעה היתה: כזאת וכזאת עשיתי. בגמרא מפרש שמעל בחרמים בימי משה: שהוא מזומם. שהעידו הן זוממין: לנקות את עצמן. מן הבריות ויוציאו לעז על הדיינים ועל העדים ואין הלכה כר"י: ג מפשיטין את בגדיו. דכתיב (ו ק"א כד) ורגמו אותו. ולא כסותו: מכסין אותו מלפניו. פרק אחד כלומר מעט ממנו מלפניו. ואין הלכה כרבי

---

זאגין וידוי (שכן דרך המומתין מתודין) אזו איז דער שטייגער דיא וואס דארפין גיהרגט ווערין זאגין פריער וידוי (שכל המתודה יש לו חלק לעולם הבא) דער וואס זאגט וידוי האט עולם הבא (שכן מצינו בעכן) אזוי געפינען מיר ביא עכן (שאמר לו יהושע) יהושע האט גיזאגט צוא אים (בני שים נא כבוד לאלהי ישראל ותן לו תודה) מיין זוהן טוה כבוד צוא גאט אונ זייא מודה דיין עבירה (ויען עכן את יהושע) האט עכן גיענפערט צוא יהושע (ויאמר) אונ האט גיזאגט (אמנה) אנכי חטאתי כזאת וכזאת עשיתי) אמת איך האב געזינדיגט אונ אזוי האב איך גיטאהן. האט עכן גיזאגט וידוי (ומנין שכיפר לו וידויו) פון וואנען ווייסין מיר אז דער וידוי איז גיוועזין אכפרה אויף זיינע זינד ער זאל האבין עולם הבא (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ויאמר יהושע מה עכרתנו יעכרך ה' היום הזה) יהושע האט גיזאגט צוא עכן וואס האסטו אונז פאר דארבין. זאל גאט דיך פאר דארבין דעם היינטיגען טאג (היום הזה אתה עכור) נאר דעם היינטיגען טאג ביזטו פאר דארבין (ואי אתה עכור לעולם הבא) צוא עולם הבא ביסטו ניט פאר דארבין (ואם אינו יודע להתודות) אויב ער ווייס ניט וויא צוא זאגין וידוי (אומרים לו) זאגט מען צוא אים (אמור) זאג (תהא מיתתי כפרה על כל עונותי) מיין טויט זאל זיין אכפרה אויף מיינע אלע עבירות. רבי יהודה זאגט (אם היה יודע שהוא מוזמם) אויב ער ווייס אז ער האט דיא עבירה ניט גיטאהן נאר דיא עדות אליין האבן אום גטראכט אליגען אויף אים (א מר) זאל ער זאגין (תהא מיתתי כפרה על כל עונותי חוץ מעון זה) מיין טויט זאל זיין אכפרה אויף אלע מיינע עבירות. נאר ניט אויף דיא עבירה. ווייל איך האב זיא ניט גיטאהן (אמרו לו) האבין דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (אם כן יהו כל אדם אומרים כך) אויב דוא הייסט אזוי זאגין. וועלין אלע מענטשין אזוי זאגין (כדי לנקות את עצמן) זייא זאלין זיך ריין מאכין פון דיא עבירה. אונ מענטשין וועלין ריידין אויף דיא עדות אונ אויף בית דין אז מען האט אומזיסט גיהרגט אמענטש: ג (היה רחוק מבית הסקילה ארבע אמות) אז ער איז גיוועזין ווייט פיר איילין פון דעם ארט וואס מען דארף אים פארשטיינען (מפשיטין אותו את בגדיו) האט מען פון אים אראפ גיצויגין דיא קליידער (האיש מכסין אותו מלפניו) אזכר פאר דעקט מען אים דיא ערוה פון פארינט (והאשה מלפניה ומאחריה) אונ אאשה פאר דעקט מען פון פארינט אונ פון

יסודה: **ד** היה גבוה שתי קומות. ומפילו משם למטה: הופכו על מתניו. שכשהוא מושכב פרקדן, מגונה יותר: המגדף. מברך את ה': והעובד כוכבים. כמי מגדף הוא דכתיב (במדבר טו) והנפש אשר תעשה ביד רמה

וחכ"א האיש נסקל ערום. ואין האשה נסקלת ערומה: **ד** בית הסקילה היה גבוה שתי קומות. אחד מן העדים דוחפו על מתניו. נהפך על לבו הופכו על מתניו. אם מת בה יצא. ואם לאו.השני נוטל את ראבן ונותנה על לבו. אם מת בה יצא. ואם לאו רגימתו בכל ישראל שנאמר (דברים יז) יד העדים תהיה בו בראשונה להמיתו ויד כל העם באחרונה. כל הנסקלין נתלין. דר"א. וחכמים אומרים אינו נתלה אלא המגדף והעובד כוכבים. האיש תולין אותו כלפי העם והאשה פניה כלפי העץ. דברי רבי אליעז. וחכ"א האיש נתלה. ואין האשה נתלית

---

הינטען (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (האיש נסקל ערום) אזכר פאר שטיינט מען נאקעט (ואין האשה נסקלת ערומה) אבער אאשה פארשטיינט מען ניט נאקעט. נאר זי גייט אין אירע קליידער: ד (בית הסקילה היה גבוה שתי קומות) דער ארט וואו מען פאר שטיינט אים איז גיוועזן הויך וויא צווייא מענטשין דיא הייך פון אמיטעלען מענטש רעכינט מען דרייא איילין. אונ דער ארט איז גיוועזן הויך זעקס איילין (אחד מן העדים דו. פו על מתניו) איינער פון דיא עדות האלט דעם מענטש אונ טוהט אים אשטויס בייא דיא לענדין. פאלט ער אראפ פון בארג. אויב ער איז געבליבן ליגען מיט דעם פנים ארויף איז רעכט (נהפך על לבו) אויב ער איז אומגיקערט גיווארין מיט דיא הארין צוא דיא ערד. מיט דעם פנים אראפ (הופכו על מתניו) קערט ער אים אום אויף דיא לענדין. ער זאל ליגען מיט דיא פלייצע אויף דיא ערד. אונ מיט דיא הארץ פון הויבין (אם מת בה יצא) אויב ער איז גישטארבין מיט דעם ווארף. איז גינוג (ואם לאו) אונ אויב ער איז נאך ניט גישטארבין (השני נוטל את האבן ונותנה על לבו) זאל דער אנדערער עדות נעמען דעם שטיין אונ לייגין אויף זיין הארץ (דיא גמרא זאגט דער שטיין איז גיוועזן שווער אז ביידע עדות האבין אים גימוזט אויף הייבין. אונ איין עדות האט דעם שטיין אווארף גיטאהן אויף זיין הארץ (אם מת בה יצא) אויב ער איז גישטארבין דורך דעם שטיין. איז גינוג (ואם לאו) אונ אויב ער איז נאך ניט גישטארבין (רגימתו בכל ישראל) אלע יודין וואס זענען דארט גישטאנען מוזין ווארפין אויף אים שטיינער (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (יד העדים תהיה בו בראשונה להמיתו) דיא האנט פון די עדות זאל זיין אויף אים צו ערשט אים צו הרגנן (ויד כל העם באחרונה) אונ די האנט פון גאנצין פאלק זאל זיין אויף אים צום לעצטין (כל הנסקלין נתלין) אלע וועלכע ווערין פאר שטיינט איינגט מען זייא נאך זייער טויט (דברי רבי אליעזר) אזוי זאגט רבי אליעזר (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (אינו נתלה אלא המגדף והעובד כוכבים) דער וואס האט גילעסטערט גאט אדער ער האט געדינט עבודת גלולים. אונ מען האט אים פר שטיינט. דעם אי נגט מען נאך דעם פאר שטייגען. אבער אנדערע מענטשין וואס מען הט פאר שטיינט איינגט מען ניט (האיש תולין אותו כלפי העם) אזכר איינגט מען מיט דעם פנים צום פאלק (והאשה פניה כלפי העץ) אונ אאשה איינגט מען מיט דעם פנים צום האלץ (דברי רבי אליעזר) אזוי זאגט רבי אליעזר (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (האיש

נתלית. אמר רבי אליעזר והלא שמעון בן שטח תלה נשים באשקלון. אמרו לו שמנים נשים תלה ואין דנין שנים ביום אחד. כיצד תולין אתו. משקעין את הקורה בארץ. והעץ יוצא ממנה ומקיף שתי ידיו זו על גבי זו ותולה אותו. רבי יוסי אומר הקורה מוטה על הכותל. ותולי׳ אתו כדרך שהטבחין עושין. ומתירין אותו מיד. ואם לן עבר עליו בלא תעשה. שנאמר (דברים כא) לא תלין נבלתו על העץ כי קבור תקברנו כי קללת אלהים תלוי וגו׳: כלומר מפני מה זה תלוי מפני שבירך את השם ונמצא שם שמים מתחלל:

למה וגו׳ את ה׳ הוא מגדף ולותה פרשה בעבודת כוכבים מדברת: ואין דנים שנים ביום אחד. בב״ד אחד משום דלא מצי לאפוכי בזכותייהו דכל חד וחד אלא תלייתן של נשים שלא כדין הוראת שעה היתה ואין למדים ממנה. ואין הלכה כר״א: משקעין. שתלים. והעץ ולא ממנה כמין יתד היה יוצא מן הקורה סמוך לראשה: ומקיף. סומך זו אצל זו כמו לתפוס שלא מן המוקף: תולין אותו בידיו: הקורה מוטה על הכותל. לא היתה נעוצה בארץ אלא ראשה אחד על הארץ וראשה אחד מוטה ונסמך על הכותל וטעמא דר׳ יוסי לפי שהעץ שנתלה עליו נקבר עמו ואמרה תורה כי קבור תקברנו. מי שאינו מחוסר אלא קבורה.

אכר

---

נתלה) אזוי איינגט מען (ואין האשה נתלית) אונ א אשה איינגט מען ניט (אמר רבי אליעזר) האט רבי אליעזר גיזאגט (והלא שמעון בן שטח תלה נשים באשקלון) שמעון בן שטח האט דאך גיהאנגען ווייבער אין דיא שטאט אשקלון. מעג מען דאך איינגען ווייבער (אמרו לו) האבען דיא חכמים גיזאגט צו רבי אליעזר עס איז דאך דא נאך א קשיא אויף שמעון בן שטח (שמונים נשים תלה) ער האט גיהאנגען אכציג ווייבער אין איין טאג (ואין דנין שנים ביום אחד) אונ אפילו צוויי מענטשין טאר מען ניט משפטין אין איין טאג צום הרגנן. נאר ביי שמעון בן שטח האט גימוזט אזוי זיין מען האט זיא גימוזט איינגען. אונ אלע אין איין מאהל ערי״טו. אונ מ ר לערנען ניט אפ פון אים (כיצד תולין אותו) ווי איינגט מען אים (משקעין את הקורה בארץ) מען זעצט אריין א בעלעק אין דיא ערד (והעץ יוצא ממנה) אונ הויבין ביי דעם שפיץ בעלעק גייט ארויס א שטיק האלץ (ומקיף שתי ידיו זו על גבי זו) אונ מען נעמט צו זאמען ביידע הענט אונ מען לייגט ארויף איין האנט אויף די אנדערע (ותולה אותו) אונ מען איינגט אים אויף ביי דיא הענט. רבי יוסי זאגט מען שטעקט ניט אריין דעם בעלעק אין די ערד. נאר (הקורה מוטה על הכותל) דער בעלעק שטייט אויף דיא ערד אן גישפארט אויף א וואנט אין דער קרים (ותולה אותו) אונ מען איינגט אים אויף דעם בעלעק (כדרך שהטבחין עושין) אזוי וויא דיא קצבים (קיילערס) איינגען אויף א בהמה (ומתירין אותו מיד) אונ מען בינט אים באלד אויף דיא הענט אונ מען נעמט אים אראפ פון האלץ (ואם לן) אונ אויב ער האט גינעכטיגט אויף דעם האלץ (עובר עליו בלא תעשה) איז מען עובר אויף א לאו (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (לא תלין נבלתו על העץ) זיין טויטער קערפער זאל ניט נעכטיגען אויף דעם האלץ (כי קבור תקברנו) נאר באגראבען זאלסטו אים (כי קללת אלהים תלוי) עס איז ניט שיין פאר גאט אז ער איינגט (כלומר) אזוי מיינט מען. מענטשין וועלין פרעגען (מפני מה זה תלוי) פאר וואס איינגט דער מענטש. ווערט מען ענפערין (מפני שבירך את השם) ווייל ער האט גילעסטערט גאט (ונמצא שם שמים מתחלל) ווערט גיפונען

אז

יגא זה שמחוסר הפירס תלישה וקבורה . ורבנן הפירה נאו כלום היא . ולא מיעטה תורה אלא שלא יהיה הען מחובר מעיקרו והלכה כחכמים : ה בזמן שאדם מצטער. שפורעניו׳ באה עליו בעונו ; מה לשון אומרת . באיזה לשון שכינה קובלת ומגודדת עליו: קלני מראשי . ראשי כבד עלי וזרועי כבד עלי כאדם שסוא עיף : קלני. איני קל מראשי:

ולא זה בלבד . עובר בל״ת אם הלינו : לא היו קוברין אותן בקברות אבותיהן . לפי שאין קוברין רשע אצל צדיק : שני קברות היו מתוקנין לב״ד . לפי שאין קוברים מי שנתחייב מיתה חמורה אצל מי שנתחייב מיתה קלה והלכה׳ גמיר׳לה שנים ולא ארבע : ן נתעכל הבשר . כבר נתכפר לו במיתתו ובבזיונו : מלקטין את העצמות. וקוברים אותן בקברות אבותן

ה אמר ר״מ בזמן שאדם מצטער . שכינה מה הלשון אומרת (כביכול). קלני מראשי קלני מזרועי. אם כן המקום מצטער על דמם של רשעים שנשפך . ק״ו על דמם של צדיקים. ולא זו בלבד (אמרו) אלא כל המלין את מתו עובר בל״ת. הלינו לכבודו להביא לו ארון ותכריכים . אינו עובר עליו . ולא היו קוברין אותו בקברות אבותיו . אלא שתי בתי קברות היו מתוקנין לב״ד . אחת לנהרגין ולנחנקין . ואחת לנסקלין ולנשרפין : ן נתעכל הבשר . מלקטין את העצמות. וקוברין אותן במקומן. והקרובים באים ושואלין בשלום הדיינין

אז דער גאמען פון גאט איז פאר שעמט : ה (אמר רבי מאיר) רבי מאיר האט גיזאגט (בזמן שאדם מצטער) ווען אמענטש האט צער פון דיא יסורים וואס עס קומט אויף אים פאר זיינע עבירות (שכינה מה הלשון אומרת) ווי זאגט גאט (קלני מראשי קלני מזרועי) איך בין נים גרינג פון מיין קאפ אונ בין נים גרינג פון מיין ארעם . דאס מיינט מען גאט האט אויך צער פון דעם מענטשין . אונ זאגט כביכול (מען זאגט אויף גאט אזעלכע ווערטער וויא עס קען גיזאגט ווערין אויף אמענטשן אזוי וויא אמענטש וואס איז מיד זאגט . מיין קאפ איז אויף מיר שווער (אם כן המקום מצטער על דמם של רשעים שנשפך) אז גאט האט אזוי פיל צער אויף דיא בלוט פון דיא רשעים וואס עס ווערט פאר גאסין (קל וחומר על דמם של צדיקים) איז דאך געווים אז גאט האט צער אויף דיא בלוט פון דיא צדיקים אז עס ווערט פאר גאסין (ולא זו בלבד אמרו) אונ נים נאר דאס אליין האט מען גיזאגט . אז מען טאר נים לאזין געכטיגע דעם טויטין איינגען אויף דעם האלין (אלא כל המלין את מתו עובר בלא תעשה) נאר ווער עס לאזט נעכטיגען אמת איז ער עובר אויף אלאו (הלינו לכבודו) אז ער לאזט נעכטיגע אמת . ווייל עס וועט זיין שיין פאר דעם מת (להביא לו ארון ותכריכים) דער ווייל וועט מען ברייגען צקאסטין . אבין צוא לייגען איניווייניג דעם מת ואדער ברעטער . אונ תכריכים וועט מען ברייגען (אינו עובר עליו) איז נים קיין עבירה אז מען לאזט אים געכטיגע (ולא היו קוברין אותו בקברות אבותיו) דער וואס מען האט אים פאר שטיינט . האט מען אים נים בגראבין ביי זיינע עלטערין (אלא שתי בתי קברות היו מתוקנין לבית דין) נאר בית דין האבען אן גיברייט צוויי בית הקברות (אחת לנהרגין ולנחנקין) אויף איין בית הקברות האט מען בגראבין די וואס פלעגין גיהרגת ווערין דורך בית דין מיט אשווערד . אונ דיא וואס פלעגין דער ווארגין ווערין דורך בית דין (ואחת לנסקלין ולנשרפין) אונ אויף איין בית הקברות פלעגט מען בגראבין די וואס ווערין פאר שטיינט אונ פאר ברענט דורך בית דין : ו (נתעכל הבשר) אז די פלייש זייגע איז פאר פוילט גיווארען אין קבר (מלקטין את העצמות) קלויבט מען צו זאמען די ביינער (וקוברין אותן במקומן) אונ מען בגראבט די ביינער אין

לבוקן: ולא היו מתאבלים. כדי שיהא בזיונו כפרה להם. ואית דאמרי לפי שהאבלות חנה מתיישבת הגולל. ובאותה שעה אין מתאבלים עליהם. שלא נגמרה כפרתן עד שיתעכל הבשר. וסוגיא והדהי האבלות אלמי:

פ"ז ארבע מיתו'. סקילה. שריפה. הרג. וחנק. סקילה חמור משרפה. ושריפה מהרג. ושלשתן מחנק. ול"מ

הדיינין. ובשלום העדים. כלומר שאין בלבנו עליכם כלום. שדין אמת דנתם. ולא היו מתאבלין. אבל אוננין. שאין אנינות אלא בלב:

פרק ז **ארבע** מתות. נמסרו לבית דין. סקילה. שרפה. הרג. וחנק. ר"ש אומר שרפה. סקילה. חנק והרג. זו מצות הנסקלין: **ב** מצות הנשרפין. היו משקעין אותו בזבל עד ארכובותיו. ונותנין סודר קשה לתוך הרכה וכורך על צוארו. זה מושך אצלו. וזה מושך אצלו. עד שפותח

למי שנתחייב שתי מיתות דקי"ל לנדון בחמורה. ר"ש אומר וכו'. ואין הלכה כר"ש: זו מצות הנסקלין. כמו דפרשינן בפרקין דלעיל: **ב** משקעין אותו. שלא יתהפך הנה והנ' ותפול הפתילה על בשרו: קשה לתוך הרכה. כורכים סודר קשה לתוך סודר רך מבפנים לחנוק ורכה מבחוץ להגין: את הפתילה. פתילה של

---

דעם בית הקברות וואו זיינע עלטערן אונ זיין פאמיליע זענען בגראבען והקרובים באים ושואלים בשלום הדיינים ובשלום העדים) אונ די קרובים קומען צו די דיינים אונ זאגן צו זיי שלום זאל זיין אויף אייך. אונ זיי קומען צו די עדות אונ זאגן צו זיי אויך שלום זאל זיין אויף אייך (כלומר) די קרובים מיינען (שאין בלבנו עליכם כלום) מיר האבען ניט אין הארצן אויף אייך קיין שנאה (שדין אמת דנתם) ווארום איר האט געמשפט ווי דער אמת איז (ולא היו מתאבלין) אונ מען איז ניט געווען קיין אבלים אויף אים. מען איז ניט געזעסן קיין שבעה אונ ניט געריסען דיא קליידער (אבל אוננין) אבער טרויערן מעגן די קרובים אויף אים (שאין אנינות אלא בלב) ווארום דאס טרויערן איז אין הארץ וואס קיינער וויים ניט. דריבער מעג מען:

פ"ק ז א (ארבע מיתות נמסרו לבית דין) דיא תורה האט געגעבען צוא בית דין פיר ערלייא מיתות זייא זאלין הרגנן די וואס טוהען עבירות (סקילה שרפה הרג חנק) פארשטיינען. פאר ברענען. הרגנן מיט אשווערד. דער ווערגן. רבי שמעון זאגט (שרפה סקילה הנק והרג) פאר ברענען. פארשטיינען. דער ווערגן. הרגנן מיט אשווערד. זייא קריגן וועלכער טויט איז ערגער. דער ערשטער תנא האלט פארשטיינען איז ערגער וויא פאר ברענען אונ דער ברענען איז ערגער וויא דער ווערגן. אונ רבי שמעון האלט פארברענען איז ערגער וויא פארשטיינען. אונ דער ווערגן איז ערגער וויא הרגנן מיט אשווערד. ואוג דאס דארף מען וויסען. ווייל דער דין איז אז איינער האט געטאהן צוויא עבירות וואס עס קומט אים צוויא ערלייא מיתות הרגת מען אים מיט דיא ערגערע. קריגען דיא תנאים וועלכע מיתה איז ערגער (זו מצות הנסקלין) אזוי וויא עס איז געשטאנען אין יענעם פרק ווערט געטאהן אז מען דארף אמענטשן פארשטיינען: ב (מצות הנשרפין) וויא אזוי פאר ברענט מען (היו משקעין אותו בזבל עד ארכובותיו) מען האט אים אריין געזעצט אין מיסט ביז צוא דיא קניא (ונותנין סודר קשה לתוך הרכה) אונ מען האט אריין געלייגט אהארטין שטריק אין אווייכען האנטוך. מען האט ארומגעוויקלט מיט אהאנטוך דעם שטריק (וכורך על צוארו) אונ מען האט אזוי ארומגעוויקלט ארום האלדז. איין מענטש האט

של אבר מדליק. ומתיך לתוך פיו: וחומרת. כוולת כ' שנתמרו מעיו (ל' כה א) וילפינן מבני אהרן שנאמר בהם (ויקרא י) וכל בית ישראל יבכו את השרפה ולא נשרפו גופתם דהא כתיב שם ויקרבו וישאום בכתנותם ש"מ מתקיימת מצות שרפה אע"פ שאין נשרפים אלא בני מעים בלבד והכי עדיף טפי דכתי' (שם יט) ואהבת לרעך כמוך ברור לו מיתה יפה: אף הוא אם מת בידם. כלומר אם היה מת בידם ע"י החניקה קודם זריקת הפתילה: לא היו מקיימים מצות שרפה. לפיכך לא היו חונקים אותו אלא פותחים את פיו בצבת טנאלי"א בלע"ז ואין הלכה כרבי יהודה: שלא היה ב"ד של אותה שעה בקי. צדוקין היו שאין להם ג"ש אלא קרא כמשמעו: רבי

את פיו. ומדליק את הפתילה. וזורקה לתוך פיו. ויורדת לתוך מעיו. וחומרת את בני מעיו. רבי יהודה אומר אף הוא אם מת בידם לא היו מקיימין בו מצות שרפה. אלא פותחין את פיו בצבת שלא בטובתו. ומדליק את הפתילה וזורקה לתוך פיו. ויורדת לתוך מעיו. וחומרת את בני מעיו. א"ר אליעזר בן צדוק מעשה בבת כהן אחת שזנתה והקיפוה חבילי זמורות. ושרפוה. אמרו לו מפני שלא היה ב"ד של אותה שעה בקי: ג מצות הנהרגים. היו מתיזין את ראשו בסיף. כדרך שהמלכות

גיהאלטין איין עק. אונ דער אנדערער האט גיהאלטין דעם אנדערין עק (וזה מושך אצלו) דער האט גיצויגין דעם עק צו זיך (וזה מושך אצלו) אונ דער ציהט דעם אנדערין עק צו זיך (עד שפותח את פיו) ביז ער מוז עפענען דיא מויל (ומדליק את הפתילה) אונ ער ברענט אין אלעפיל אשטיק בלייא ביז זיא ווערט צו שמאלצין. אונ ער מאכט זיא שמאהל אונ לאנג אזוי וויא אקנייטיל (וזורקה לתוך פיו) אונ ער גיסט דאס אריין אים אין מויל (ויורדת לתוך מעיו) אונ דיא בלייא גייט אראפ אין דיא גידערים (וחומרת את בני מעיו) אונ דאס פאר ברענט דיא גידערים. רבי יהודה זאגט מען זאל אים ניט ווערגין דיא האלדז צום עפענען דיא מויל (אף הוא אם מת בידם) טאמער שטארבט ער דורך זייערע הענט (ולא היו מקיימין בו מצות שרפה) וועט מען דאך אים ניט הרגן דורך פאר ברענען. נאר דורך דער ווערגין. ניט וויא דיא תורה האט גיהייסין (אלא פותחין את פיו בצבת שלא בטובתו) נאר מען עפינט אים דיא מויל מיט אצוואנג. אפילו ניט מיט זיין גוטען ווילען (ומדליק את הפתילה) אונ ער ברענט אין אלעפיל אשטיק בלייא ביז זיא ווערט צו שמאלצין. אונ ער מאכט זיא שמאהל אונ לאנג אזוי ווי אקנייטיל (וזורקה לתוך פיו) אונ ער גיסט דם אריין אים אין מויל (ויורדת לתוך מעיו) אונ דיא בלייא גייט אראפ אין דיא גידערים (וחומרת את בני מעיו) אונ דאס פאר ברענט דיא גידערים (אמר רבי אליעזר בן צדוק) האט רבי אליעזר בן צדוק גיזאגט (מעשה בבת כהן אחת שזנתה) עס האט גיטראפין אז אטאכטער פון אכהן האט מזנה גיוועז. איז דער דין מען זאל איר פאר ברענען (והקיפוה חבילי זמורות ושרפוה) האט מען גינומען בינטלאך צווייגין אונ מען האט גילייגט ארום איר אונ מען האט זיא אנגיצונדין איז זיא פאר ברענט גיווארין מיט דיא צווייגין. זעהן מיר דאך אז שרפה איז מען פאר ברענט דעם מענטש דעם גאנצין גוף. אבער ניט מיט בלייא (אמרו לו) האבין דיא חכמים גיזאגט צו רבי יהודה (מפני שלא היה בית דין של אותה שעה בקי) ווייל דער בית דין פון דיא צייט איז ניט קלאר גיוועז אין דעם דין וויא מען זאל פאר ברענען. אבער דער דין בלייבט מען זאל פאר ברענען מיט בלייא: ג (מצות הנהרגים) וויא אזוי הרגעט מען (היו מתיזין את ראשו בסיף) מען האקט אראפ דעם קאפ מיט אשווערד (כדרך


שהמלכות

עושה. רבי יהודה אומר ניוול הוא זה אלא מניחין את ראשו על הסדן. וקוצץ בקופיץ. אמרו לו אין מיתה מנוולת מזו. מצו׳ הנחנקין. היו משקעין אותו בזבל. עד ארכובותיו. ונותנין סודר קשה לתוך הרכה וכורך על צוארו. זה מושך אצלו. וזה מושך אצלו. עד שנפשו יוצאה: ד אלו הן הנסקלין הבא על האם. ועל אשת האב. ועל הכלה. ועל הזכור. ועל הבהמה. והאשה המביאה את הבהמה. והמגדף. והעובד כוכבים. והנותן מזרעו למולך. ובעל אוב וידעוני. והמחלל את השבת. והמקלל אביו ואמו. והבא על נערה המאורסה. והמסית. והמדיח. והמכשף

ג ר׳ יהודה אומר ניוול הוא זה. שסרגו מעומד ונופל: סדן. עץ שהוא תקוע בארץ כמות של נפחים. ובברייתא פי׳ דטעמו דפליג רבי יהודה אדרבנן מפני שאמרה תורה (שם יח) ובחוקותיהם לא תלכו. ואמרי ליה רבנן כיון דכתיב סייף באורייתא דאמר קרא נקום ינקם (שמות כא) לא מינייהו גמרי׳ והלכה כחכמים: ד אלו הן הנסקלין. איכא מינייהו דכתיב בהו סקילה בהדיא והכא דלא כתיבא בהו סקילה כתיב בהו דמיו בו דמיהם בם וכל מקום שנאמר דמיו בו דמיהם בם אינו אלא סקילה דילפינן מאוב וידעוני דכתיב (ויקרא כ) באבן ירגמו אותם דמיהם בם: והנותן מזרעו למולך. קסבר שאי אגא מולך לאו ע״ג הוא אלא הך ע״ג בעלמא הוא מדתנא ע״ג. ותנא מולך: והמקלל אביו ואמו. חמור ממכס.

שהמלכות עושה) אזוי וויא מען הרגת אז מען זינדיגט צום מלך. רבי יהודה זאגט (ניוול הוא זה) עס איז מיאוס אזוי צוא טאהן. דער מענטש זאל שטיין אונ מען זאל אים אפ האקן דעם קאפ אונ ער זאל אומפאלין (אלא מניחין את ראשו על הסדן וקוצץ בקופיץ) נאר מען לייגט דיז קאפ זיינע אויף אקלאץ אונ מען האקט אפ מיט אהאק (אמרו לו) האבן דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (אין מיתה מנוולת מזו) עס איז ניטא קיין מיאוסער טויט וויא דאס איז (מצות הנחנקין) וויא אזו דער שטיקט מען (היו משקעין אותו בזבל עד ארכובותיו) מען האט אים אריין גיזעצט אין מיסט ביז צוא דיא קניא (ונותנין סודר קשה לתוך הרכה) אונ מען האט אריין גילייגט אהארטין שטריק אין אווייכין האנטוך. מען האט ארומגעוויקולט מיט אהאנטוך דעם שטריק (וכורך על צוארו) אונ מען האט אזוי ארומגעוויקולט ארום האלדז. איין מענטש האט גיהאלטין איין עק. אונ דער אנדערער האט גיהאלטין דעם אנדערין עק (זה מושך אצלו) דער האט גיצוגין דעם עק צוא זיך (וזה מושך אצלו) אונ דער אנדערער האט גיצוגין דעם אנדערין עק צוא זיך (עד שנפשו יוצאה) ביז דיא נשמה גייט ארוס פון אים: ד (אלו הן הנסקלין) דיא מענטשין ווערין פאר שטיינט (הבא על האם) אז ער האט מזנה גיוועזן מיט זיין מוטער (ועל אשת האב) אדער מיט זיין פאטערס ווייב (ועל הכלה) אדער מיט זיין שנור (ועל הזכור) אדער מיט אזכר (ועל הבהמה) אדער מיט אבהמה אנקבה (והאשה המביאה את הבהמה) אדער אאשה האט גיבראכט אבהמה אזכר אויף זיך אונ דיא בהמה האט מיט איר מזנה גיוועזן (והמגדף) אז ער לעסטערט גאט (והעו״ד כוכבים) אז ער דינט עבודת גלולים (והנותן מזרעו למולך) אונ דער וואס גיט פון זיינע קינדער צוא דער עבודה זרה מולך (ובעל אוב וידעוני) אונ דער וואס מאכט כישוף מיט אוב אדער מיט ידעוני עיין לקמן משנה ז. (והמחלל את השבת) אונ דר וואס טוהט אמלאכה שבת (והמקלל אביו ואמו) אונ דר וואס פלוכט זיין פאטער אדער זיין מוטער (והבא על נערה המאורסה) אונ אז ער הט מזנה גיוועזן מיט אמיידיל וואס איינער הט איר שוין מקדש גיוועזן (והמסית) אונ אז ער הט

דאיכא תרתי קלון אביו ואמו. על האם חייב עליה שתי חטאות דבכולהו
ומוליך שם שמים לבטלה. דהא תנן אינו ערוות (כתיב בהו כרת וכתיב בהו חנוק
חייב עד שיקלל בשם: המסית. לא סיתידי': חטאות) ואפי' בגוף אחד. וכן הלכה: בין
והמדיח. עיר הנדחת: והמכשף. דכתיב מן הארוסין. דכיון שקדשה אשתו היא.
(שמות כג) מכשפה דכתיב (ויקרא כ)
לא תחיה וסמיך ליה ואיש כי יקח אשה
כל שוכב עם בהמה משעת לקיחה נקראת
מות יומת מה שוכב אשתו והך קיחה
עם בהמה בסקילה אף קדושין הן. דגמר
מכשפה בסקילה: הבא קיחה

את

והמכשף. ובן סורר ומורה. הבא על האם. חייב עליה משום אם. ומשום אשת אב. רבי יהודה אומר אינו חייב אלא משום האם בלבד. הבא על אשת אב חייב עליה משום אשת אב. ומשום אשת איש. בין בחיי אביו בין לאחר מיתת אביו. בין מן האירוסין בין מן הנשואין. הבא על כלתו. חייב עליה משום כלתו. ומשום אשת איש. בין בחיי בנו בין לאחר מיתת בנו. בין מן האירוסין בין מן הנשואין. הבא על הזכור. ועל הבהמה. והאשה המביאה

---

אנגירעטמעכשין זיי זאלן דינען עבודת גלולים (והמדיח) אונ אז ער האט פרשטוסין ואנגירעט אנאנצע שטאט מענטשין זיי זאלען דינען עבודת גלולים (והמכשף) אונ דר וואס מאכט כישוף (ובן סורר ומורה) אונ אקינד וואס איז אסורר ומורה נאזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה כי תצא (הבא על האם) אז איינער האט מזנה גיוועו מיט זיין מוטער בשוגג. ער האט ניט גיוואסט אז דאס איז זיין מוטער אונ זיא האט ניט גיהאט קיין מאן (חייב עליה) דארף ער ברייגען צוויי קרבנות. ווייל ער האט גיטאהן צוויי עבירות מיט איין מאהל (משום אם) ווייל זיא איז זיינע אמוטער (ומשום אשת אב) אונ ווייל זיא איז גיוועז זיין פאטערס ווייב. רבי יהודה זאגט (אינו חייב אלא משום האם בלבד) ער דארף ניט ברייגען צוויי קרבנות. נאר איינעם. ווייל זיא איז זיינע אמוטער (הבא על אשת אב) אז איינער האט מזנה גיוועז מיט זיין פאטערס ווייב בשוגג. ער האט ניט גיוואסט אז דאס איז זיין פאטערס ווייב ואונ זיין פאטער לעבט. אדער זיא האט איין אנדער מאן (חייב עליה) דארף ער ברייגען צוויי קרבנות. ווייל ער האט גיטאהן צוויי עבירות מיט איין מאהל (משום אשת אב) ווייל זיא איז זיין פאטערס ווייב (ומשום אשת איש) אונ ווייל זיא האט אמאן (בין בחיי אביו בין לאחר מיתת אביו) סיי דער פאטער לעבט אונ סיי דער פאטער איז גישטארבין. הייסט זיא אלין זיין פאטערס ווייב (בין מן האירוסין בין מן הנשואין) סיי דער פאטער האט איר נאר מקדש גיוועזן. אונ סיי דער פאטער הט מיט איר חתונה גיהאט. הייסט זי אלין זיין פאטערס ווייב (הבא על כלתו) אז איינער הט מזנה גיוועזן מיט זיין שנור בשוגג. ער הט ניט גיוואסט אז דאס איז אשנור זיינע ואונ זיין זוהן לעבט. אדער זיא האט איין אנדער מאן (חייב עליה) דארף ער ברייגען צוויי קרבנות. ווייל ער האט גיטאהן צוויי עבירות מיט איין מאהל (משום כלתו) ווייל זי איז זייגע אשנור (ומשום אשת איש) אונ ווייל זיא האט אמאן (בין בחיי בנו בין לאחר מיתת בנו) סיי זיין זוהן לעבט. אונ סיי זיין זוהן איז גישטארבין. הייסט זיא אלין אשנור (בין מן האירוסין בין מן הנשואין) סיי דער זוהן האט איר נאר מקדש גיוועזן. אונ סיי דער זוהן האט מיט איר חתונה גיהאט. הייסט זיא אלין זיין שנור (הבא על הזכור) אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אזכר (עתי"ט) (ועל הבהמה) אז אמענטש אזכר הט מזנה גיוועזן מיט אבהמה אנקבה. דארף מען פאר שטיינען דעם מענטש מיט דיא בהמה

קיהה קיהה מסדה עפרון: **ה** עד שיפרש את השם. ויברך השם בשם שנאמר (שם כד) ונוקב שם ה' בנקבו שם שיקוב השם בשם: בכל יום. כ"ז שהיו עסמ"ס וטוענים בבדיקת העדים: היו דנין אותן בכנוי. כל אדם שמהפך דבר ומדבר כמי שמקלל ותולה באחר קרוי כנוי בלשון חכמים ובלשון מקרא כי לא ידעתי אכנה (איוב לב): יכה יוסי את יוסי. אני שמעתי מפני שהוא בן ד' אותיות ועולה בגימטריא אלהי"ם לכך מכנה שם בן ד' אותיות ליוסי: נגמר הדין. ובא ב"ד לומר חייב הוא: לא היו יכולים להרגו ע"פ

את הבהמה. אם אדם חטא. בהמה מה חטאת. אלא לפי שבאת לאדם תקלה על ידה. לפיכך אמר הכתוב תסקל. ד"א שלא תהא בהמה עוברת בשוק. ויאמרו זו היא שנסקל פלוני על ידה:

**ה** המגדף אינו חייב. עד שיפרש השם. אמר רבי יהושע בן קרחה בכל יום דנין את העדים בכינוי יכה יוסי את יוסי. נגמר הדין לא הורגים בכינוי.

---

והאשה המביאה את הבהמה) אדער א אשה האט גיבראכט א בהמה א זכר אויף זיך אונ דיא בהמה האט מיט איר מזנה גיוועזן. דארף מען אויך פאר שטיינגען דיא אשה מיט די בהמה. פרעגט די משנה (אם אדם חטא) אויב דער מענטש האט געזינדיגט (בהמה מה חטאת) וואס האט די בהמה געזינדיגט. פאר וואס זאל מען דיא בהמה פאר שטיינגען. ענפערט די משנה (אלא לפי שבאת לאדם תקלה על ידה) נאר ווייל א מענטש איז גישטרויכלט גיווארען ער האט גיטאהן אעבירה) דורך די בהמה (לפיכך אמר הכתוב תסקל) דריבער האט דיא תורה גיזאגט מען זאל די בהמה אויך פאר שטיינגען (דבר אחר) נאך אזאך וועל איך דיר זאגין. דריבער דארף מען הרגנען דיא בהמה (שלא תהא בהמה עוברת בשוק) ווען די בהמה וועט גיין אין גאס (ויאמרו זו היא שנסקל פלוני על ידה) וועט מען זאגין דאס איז די בהמה וואס א מענטש איז דורך איר פאר שטיינט גיווארין. דריבער האט די תורה גיזאגט מען זאל דיא בהמה אויך פאר שטיינגען. מען זאל ניט דער מאנען דעם מענטש אונ ניט דיא בהמה: ה (המגדף אינו חייב עד שיפרש השם) דער וואס לעסטערט גאט איז אנדערש ניט חייב סקילה. ביזדין ער זאל ארויס ריידין דעם נאמען פון גאט אונ זאל אים לעסטערין. אבער אז ער הערט פון איין אנדערין דעם נאמען פון גאט אונ ער לעסטערט אים. קומט אים ניט קיין סקילה (אמר רבי יהושע בן קרחה) האט רבי יהושע בן קרחה גיזאגט (בכל יום דנין את העדים בכינוי) אלע טאג ווען בית דין קלערין אין דעם דין. אונ דארפין הערין פון דיא עדות וויא אזוי ער האט גילעסטערט. אונ דיא עדות טארין דאך ניט זאגין. וויא אזוי זאלין דיא עדות זאגין בית דין זאלין פאר שטיין וויא דיא מעשה איז גיוועזן. הייסט מען דיא עדות זייא זאלין ניט ארויס ריידין דעם נאמען פון גאט. נאר זייא זאלין זאגין איין אנדער נאמען. אונ ביתדין וועט שוין פאר שטיין וואס זייא מיינען. זייא זאלין זאגין דער מענטש האט גיזאגט (יכה יוסי את יוסי) יוסי זאל שלאגין יוסי. אויף דעם שם הויה זאגין די עדות יוסי. ווייל דער שם הויה איז פיר אותיות אונ דער ווארט יוסי איז אוך פיר אותיות. אונ נאך אמעם ווייל יוסי בטרעפט זעקס אונ אכציג אונ אלהים בטרעפט אויך זעקס אונ אכציג (נגמר הדין) אז בית דין האט שוין אויף גיהערט צו קלערין. אונ זייא דארפין פסקנן מען זאל אים הרגנן (לא הורגים בכינוי) אזוי לאנג וויא בית דין האט גיהערט פון דיא עדות איין אנדער נאמען. ניט דעם שם הוי"ה. טארין זייא ניט הרגנן דעם מענטש (אלא מוציאים כל אדם להוץ) נאר אלע מענטשין וואס זענען גיוועזן אין בית דין שטוב. הייסט מען ארויס

אלא מוציאים כל אדם לחוץ. ושואלים את הגדול שבהן ואומרים לו אמור מה ששמעת בפירוש. והוא אומר. והדיינים עומדין על רגליהן וקורעין. ולא מאחין. והשני אומר אף אני כמוהו. והשלישי אומר אף אני כמוהו: ד העובד עבודת כוכבים. אחד העובד. ואחד הזובח. ואחד המקטר. ואחד המנסך. ואחד המשתחוה. ואחד המקבלו עליו לאלוה. והאומר לו אלי אתה. אבל המגפף והמנשק. והמכבד והמרבץ. והמרחץ. והסך. והמלביש. והמנעיל

עדות זו ששמעו. שכרי לא שמעו מפיהם אלא קללת כנוי: אלא מוציאים את כל האדם לחוץ. דגלוי ס״א להשמיע ברכת השם לרבים: וקורעין ולא מאחין. עולמית הפירש אלכם:דרים שאין בקריעה נכרת. אבל באר תפירות מוהר: אף אני שמעתי כמורו. ואינו לריך לכזכיר ברכת שם בשם: והשלישי אומר. אהיא כמאן דאמר מה שנים עדית אחת. אף שלשה עדות אחת:

ד אחד העובד בדבר שדרך עבודתו בכך: ואחד הזובח וכו׳. ואע״פ שאין דרך עבודתה באחד מד׳ עבודו׳ כללו. חייב. וכל שאר עבודות חוץ מאלו. אינו חייב עד שיעבוד כדרך עבודתה: והמקבלו עליו לאלוה אפי׳ באם גיר׳ בעלמא. דאתקש לזביחה. דכתי׳ (שמות לב. ויזבחו לו ויאמרו אלה אלהיך: והאומר לו כו׳. בפמו ולאמ סיפא לגלוי ריבא דאי תנא רישא

ג׳ ן (ושואלין את הגדול שבהן) אונ מען פרעגט פריער דעם גרעסטן עדות (ואומרים לו) אונ מען זאגט צו אים (אמור מה ששמעת בפירוש) דוא זאלסט ריכטיג ארויס ריידן וואס דוא האסט געהערט (והוא אומר) אונ ער זאגט (והדיינים עומדין על רגליהם וקורעין) אונ די דיינים שטייען אויף זייערע פיס אונ צו רייסען זייערע קליידער (ולא מאחין) אונ טארין ניט נוט צו נייען. נאר אכיסול צו ציהען מיט אפאדים מעג מען (והשני אומר) אונ דער אנדערער עדות זאגט (אף אני כמוהו) איך האב אויך געהערט וויא ער זאגט. אויב עס איז דא אדריטער עדות (והשלישי אומר) זאל דער דריטער זאגין (אף אני כמוהו) איך האב אויך געהערט וויא ער זאגט: ד (העובד עבודת כוכ״ם) אז איינער האט געדינט עבודת גלולים (אחד העובד) סיי ער האט געדינט די עבודת גלולים. אזוי וויא מען דינט צו איר (ואחד הזורח ואחד המקטר ואחד המנסך ואחד המשתחוה) אונ סיי ער האט געשאכטן אקרבן צו די עבודת גלולים. אדער ער האט גערייכערט קטורת. אדער ער האט געגאסן וויין. אדער ער האט זיך געבוקט צו די עבודת גלולים. אפילו די עבודת גלולים דינט מען ניט מיט די פיר זאכין. פון דעסטוועגין דארף מען אים פאר שטיינען (ואחד המקבלו עליו לאלוה) אדער ער געבט די עבודת גלולים אויף זיך פאר אגאט. ער זאגט יענע עבודת גלולים איז מיין גאט. אפילו די עבודת גלולים שטייט ניט געבין אים (והאומר לו אלי אתה) אדער ער שטייט ביי די עבודת גלולים. אונ ער זאגט צו די עבודת גלולים דוא ביסט מיין גאט. דארף מען אים פאר שטיינען (אבל המגפף) אבער אז ער נעמט ארום די עבודת גלולים מיט די הענט (והמנשק) אדער ער קושט די עבודת גלולים (והמכבד) ער קערט אפ דעם ארט וואו די עבודת גלולים שטייט עס זאל זיין ריין (והמרביץ) ער שפריצט וואסער אויף דעם ארט וואו די עבודת גלולים שטייט. עס זאל ניט ארויף גיין קיין שטויב אויף די עבודת גלולים (והמרחיץ) ער וואשט אפ די עבודת גלולים. זיא זאל זיין שיין (והסך) ער שמירט די עבודת גלולים מיט בוימאייל (והמלביש) ער טוהט אן קליידער אויף די עבודת גלולים (והמנעיל) ער טוהט אן שיך אויף די פיס פון די עבודת גלולים.

כ"א ס"מ בפניו אבל שלא בפניו לא חנא סיפא אותו כמי במלוק אבנים: כרקולים. חלוף בפניו. מכלל דרישא שנא בפניו. ולפ"ס חייב: הסבה מר לשון חלוף סוא. כמו במר דכנתא. המגפף. מחבק: עובר בל"ת. לא תעבדם במר דשחוטה. קלום שבח ז' היא עבודתו: תירס כתי': הנודר בשמו. קוגם עלי כל ואפי' נתכוין לבזותו חייב חטאת: ן שימסור למולך. מוסרו ביד

פירות שבעולם בשם ע"ג פלוני: מקיים. נשבע: עובר בל"ת. ושם אלהים אחרים לא תזכירו (שם כג): הפוער עצמו. מתריז רעי נפניו: זו היא עבודתו. ואפי' נתכוין לבזותו. סיליל וזו סיא עבודתו חייב חטאת: והזור' אבןלמרקולים. שעובדים אותו בזריקת אבני'. וסמסלק אבן מלפניו כמי חייב. שעובדים

והמנעיל. עובר בלא תעשה. הנודר בשמו. והמקיים בשמו. עובר בלא תעשה. הפוער עצמו לבעל פעור. זו היא עבודתו. הזורק אבן למרקולים. זו היא עבודתו: ן הנותן מזרעו למולך. אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש. מסר למולך ולא העביר באש. העביר באש ולא מסר למולך. אינו חייב עד שימסר למולך ויעביר באש. בעל אוב. זה פיתום. המדבר משחיו.

למולך. מוסרו ביד הכומרים: ויעביר באש. מעבירו מלד זה לצד זה: עד שימסו' ויעביר באש. שנאמר (ויקרא יח) לא תתן להעביר וכתיב התם (דברים יח) לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש. מה העברה האמורה שם באש. אף העברה האמורה כאן באש: אוב זה פיתום. נוקה גולגלת

אז מען טוהט איינע פון דיא זאכין (עובר בלא תעשה) איז מען עובר אויף א לאו (הנודר בשמו) אז ער טוהט אנדר אין נאמען פון דיא עבודת גלולים. ער זאגט למשל אויב איך וועל מיך היינט וואשין זאל אויף מיר אסור זיין אלע פירות פון דער וועלט אזוי וויא דער קרבן פון דיא עבודת גלולים (והמקיים בשמו) אדער ער שווערט ביי דעם נאמען פון עבודת גלולים (עובר בלא תעשה) איז ער עובר אויף א לאו (הפוער עצמו לבעל פעור) אז ער האט זיך גיזעצט ביי דיא עבודת גלולים בעל פעור (זו היא עבודתה) אזו דינט מען די עבודת גלולים. דריבער אפילו ער האט ניט גימיינט צוא דינען נאר צו פאר מיאוסין דיא עבודת גלולים. פון דעסטוועגין דארף ער ברייגנען א קרבן חטאת (הזורק אבן למרקולים) אז ער הט גיווארפין א שטיין צו די עבודת גלולים מרקולים (זו היא עבודתו) אזוי דינט מען דיא עבודת גלולים. דריבער אפילו ער האט ניט גימיינט צו דינען נאר צו ווארפין אויף איר שטיינער. פון דעסטוועגין דארף ער ברייגנען א קרבן חטאת: ן (הנותן מזרעו למולך) אז ער גיט א קינד פון זיינע קינדער צו דער עבודת גלולים מולך (אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש) איז ער אנדערש ניט חייב סידין ער זאל געבין דאס קינד צו דיא כומרים. אונ דער כומר גיט צוריק דאס קינד צום פאטער. אונ דער פאטער אליין זאל פירען דאס קינד ביי דעם פייער וואס איז אן גיצונדין גיווארען צו דיא עבודת גלולים (עתיים (מסר למולך ולא העביר באש) אז ער האט דאס קינד גיגעבין צום כומר. אונ דער פאטער האט ג ט געפירט דאס קינד ביי דעם פייאר. (העביר באש ולא מסר למולך) אדער דער פאטער הט געפירט דס קינד ביי דעם פייער נאר ער האט אים גיט גיגעבין פריער צו די כומרים (אינו חייב) איז דער פאטער גיט חייב עד שימסור למולך ויעביר באש) סידין פריער זאל ער געבין דאס קינד צוא דיא כומרים. אונ דער כומר זאל אים דאס קינד צוריק געבין. אונ ער זאל אים פירען ביי דעם פייאר פון איין עק ביז צום אנדערן עק (בעל אוב זה פיתום) אז מען מאכט כישוף מיט אוב דס מיינט מען אזו ווי דער מכשף פיתום הט גיטאהן. ער האט גינומען א קאפ פון א מת. דער נאך וויא די פלייש פון קאפ איז פאר פוילט גיווארען. אונ עס איז נאר געבליבען די ביינער.

וידעוני זה המדבר בפיו. הרי אלו בסקילה. והנשאל בהם באזהרה:

ח המחלל את השבת. בדבר שחייבין על זדונו כרת ועל שגגתו חטאת. המקלל אביו ואמו אינו חייב עד שיקללם בשם. קללם בכינוי. ר"מ מחייב. וחכמים פוטרין:

ט הבא על נערה המאורסה. אינו חייב עד שתהא נערה בתולה מאורסה. והיא בבית אביה.

גולגלת של מת לאחר שנתעכל הבשר ומקטיר לה ושואל ממנה עתידות והיא משיבה: והמדבר משחיו. ויש שעושים שיושיב המת דרך בית השחי: וידעוני. חיה ששמה ידוע וצורתה כצורת אדם בפניה וידיה ורגליה. והיא מחוברת בטבורה לחבל היוצא מן השורש שנשרש בארץ שמשם חיה. וכשרוצים לצוד אותה מורים בחצים אל החבל עד שהוא נפסק והיא מתה מיד והיא קרוי' בל' חכמים בר ש דטור: והנשאל בהם. שבא ושואל בהם להגיד לו דבר העתיד כגון שאול: באזהרה. דאל תפנו אל האובות: ח עד שיקללם בשם. באחד מן השמות המיוחדים: קללם בכנוי. כרחום חנון ארך אפים: ט עד שתהא נערה. ולא קטנה פחותה מבת י"ב שנה ויום אחד ולא בוגרת שעברו עליה י"ב שנה וששה חדשים ויום אחד: בתולה. ולא בעולה ואם נבעל' שלא כדרכה עדיין בתולה היא. ואפי' באו עליה י' בני אדם כלם שלא כדרכה כלם בסקילה: מאורסה. ולא נשוא': והיא בבית אביה. שאם מסר האב לשלוחי הבעל שבא עליה

---

און ער האט געריי‌כערט צום קאפ מיט אזעלכע קרייטער. און ער האט געפרעגט ביי דעם קאפ וואס ער האט געוואלט. און דיא קאפ האט געענטפערט (המדבר משחיו) ער געמט ארום אמת פון קבר. און געמט אים אונטערן ארעם. און דער מת ענטפערט פון אונטערן ארעם וואס מען פרעגט ביי אים (וידעוני זה המדבר בפיו) א חיה וואס איר נאמען איז ידוע. זי זעהט אוים אזוי וויא א מענטש. מיט דעם פנים און מיט דיא הענט און מיט דיא פיס. נאר פון דיא ערד איז ארויס געוואקסען אזוי וויא א לאנגער שטריק. און דער שטריק איז בהעפט צוא איר נאפיל. און מען קען גיט צוא גיין צו דיא חיה וייל זיא ווארפט איר גיפט אויף דעם מענטש און פאר ברענט אים. און אז מען וויל איר פאנגען שיסט מען מיט פיילין אין דעם שטריק. ביז דער שטריק ווערט צו ריסען. פייגערט דיא באלד. און אז מען געמט אריין אין מויל א ביינדיל פון דיא חיה. דורך כישוף. רעט דער ביינדיל. און ענטפערט וואס מען פרעגט ביי אים (הרי אלו בסקילה) דיא מענטשין וואס טוהען דיא זאכען קומט זייא סקילה (והנשאל בהם) און דער וואס פרעגט ביי דעם מכשף ער זאל אים זאגין וואס עס וועט זיין (באזהרה) איז ער עובר אויף א לאו: ח (המחלל את השבת) אז ער טוהט א מלאכה שבת דארף מען אים פאר שטיינען. וועלכע מלאכה (בדבר שחייבין על זדונו כרת ועל שגגתו חטאת) אזוי א מלאכה אז מען טוהט במזיד (נאר אן עדות) קומט אים כרת. און אז ער טוהט בשוגג דארף ער ברייגגען א קרבן חטאת. אויב עס איז דא עדות פאר שטיינט מען אים (המקלל אביו ואמו) אז ער פלוכט זיין פאטער אדער זיין מוטער (אינו חייב עד שיקללם בשם) איז ער אנדערש ניט חייב סקילה ער זאל זיי פלוכין מיט דעם נאמען פון גאט (קללם בכינוי) אז ער האט זייא גיפלוכט מיט א נאמען פון די מדות פון גאט. מיט רחום. אדער חנון. אדער אנדערע מדות (רבי מאיר מחייב) רבי מאיר זאגט מען דארף אים פאר שטיינען (וחכמים פוטרין) און דיא חכמים זאגין מען דארף אים ניט פאר שטיינען: ט (הבא על נערה המאורסה) אז ער האט מזנה געוועזן מיט א מיידיל וואס איינער האט איר מקדש געוועזן (אינו חייב עד שתהא נערה בתולה מאורסה והיא בבית אביה) איז ער אנדערש ניט חייב סקילה זיא איז

עלי׳ אה״כ אינו בסקילה אלא בחנק: י זה מסית את הרבים. כגון מדיחי עיר מישראל הד וט שהסית. דוקא הדיוט שהסית. הכבית שמיתתו בחנק: מכמינין. נשון מארב: אם סמסית מיתתו בחנק: והמסית את ההדיוט. היה המסית ערום ואינו יכול לדבר בפניהם.

לאו דוקא שלא מלינו חילוק בין מסית את ההדיוט למסית את הרבים אלא למעוטי

אביה. באו עליה שנים הראשון בסקילה. והשני בחנק: י המסית זה הדיוט שהסית. והמסית את ההדיוט. אמר לו יש יראה במקום פלוני. כך

כלו׳ או׳ לכיסה שאינו יכול לדבר בפניסם מפני יראא׳ב״ד ביחוד. כלומר אין אים עמנו ויכול

אוכלת. כך שותה. כך מטיבה. כך מריעה. כל חייבי מיתות שבתורה אין מכמינין עליהם חוץ מזו. אמר לשנים והן עדיו. מביאין אותו לב״ד וסוקלין אותו. אמר לאחד הוא אומר יש לי חברים רוצים בכך. אם היה ערום ואינו יכול לדבר בפניהם. מכמינין לו עדים אחורי הגדר. והוא אומר

---

אנערה. זי איז אלט פון צוועלף יאהר מיט אטאג ביז נאך זעקס חדשים ואבער אז זי איז יונגער וויא צוועלף יאהר מיט אטאג. אדער זיא איז עלטער וויא צוועלף יאהר מיט זעקס חדשים. קומט ניט קיין סקילה, אונ גאר אז זיא איז געוועזן אבתולה ווען ער האט מיט איר מזנה געוועזן. אונ נאר אז איינער האט איר מקדש געוועזן איידער זיא האט מזנה געוועזן. אונ נאר אז זיא איז נאך געוועזן ביא איר פאטער אין שטוב. אבער אז דער וואס האט איר מקדש געוועזן האט געשיקט אשליח זיא זאל קומען צוא אים התונה האבין. אונ דער פאטער האט איר שוין אוועק געגעבין צום שליח. דער נאך האט זיא מזנה געוועזן. קומט ניט קיין סקילה נאר חנק (באו עליה שנים) אויב צוויא האבין מיט איר מזנה געוועזן (הראשון בסקילה) דעם ערשטן דארף מען פארשטיינען (והשני בחנק) אונ דעם אנדערין דארף מען דער שטיקען: י (המסית זה הדיוט שהסית) אז איינער האט אנגירעט דעם אנדערין ער זאל דינען עבודת גלולים. דער וואס האט אנגירעט איז געוועזן אפראסטער מענטש. ניט אנביא (והמסית את ההדיוט) אונ ער האט אנגירעט איין מענטשין. ניט אגאנצע שטאט. קומט אים סקילה. וויא אזוי האט ער אים אנגירעט (אמר לו) ער האט גיזאגט צוא אים (יש יראה במקום פלוני) עס איז דא אעבודת גלולים אויף יענעם ארט (כך אוכלת) אזוי עסט זיא (כך שותה) אזוי טרינקט זיא (כך מטיבה) אזעלכע טובות טוהט זיא (כך מריעה) אזעלכע רעות טוהט זיא (כל חייבי מיתות שבתורה) אלע מענטשין וואס דיא תורה זאגט אויף זייא. אז עס קומט זייא מיתה אויף זייערע עבירות (אין מכמינין עליהם) בעהאלט מען ניט קיין עדות אויף זייא (חוץ מזו) נאר ביא דיא עבירה. וואס איינער רעט אן זיין חבר ער זאל דינען עבודת גלולים בעהאלט מען עדות זייא זאלין הערין וואס מען רעט (אמר לשנים) אז ער האט גיזאגט צוא צוויא מענטשין זייא זאלין דינען עבודת גלולים (הן עדיו) זענען זייא דיא עדות (מביאין אותו לבית דין) זייא בריינגען אים צוא בית דין (וסוקלין אותו) אונ זייא פאר שטיינען אים (אמר לאחד) אז ער האט גיזאגט צוא איינעם ער זאל דינען עבודת גלולים (הוא אומר) זאל ער זאגין צוא אים (יש לי חברים רוצים בכך) איך האב נאך חברים וואס ווילען דינען עבודת גלולים (אם היה ערום) אויב דער אנריידער איז אקלוגער (ואינו יכול לדבר בפניהם) אונ ער קען ניט ער האט מורא צוא רעדין פאר זייא. טאמער וועלין זייא ווערין עדות אויף אים (מכמינין לו עדים אחורי הגדר) זאל מען בעהאלטין עדות אינטער דיא וואנט (והוא אומר לו) אונ ער זאגט צוא

אומר לו אמור מה שאמרת לי ביחוד. והלה אומר לו. והוא אומר לו היאך נניח את אלהינו שבשמי' ונלך ונעבוד עצים ואבנים. אם חוזר בו הרי זה מוטב. ואם אמר כך היא חובותינו. וכך יפה לנו. העומדין מאחורי הגדר מביאין אותו לב"ד וסוקלין אותו. האומר אעבוד. אלך ואעבוד. נלך ונעבוד. אזבח. אלך ואזבח. נלך ונזבח. אקטיר. אלך ואקטיר. נלך ונקטיר. אנסך. אלך ואנסך. נלך וננסך. אשתחוה. אלך ואשתחוה. נלך ונשתחוה. המדיח זה האומר נלך ונעבוד כוכבים: **יא** המכשף העושה מעשה חייב. ולא האוחז את העינים. רבי עקיבא אומר משום ר' יהושע שנים לוקטין קישואין אחד לוקט פטור. ואחד לוקט חייב. העושה

ויכול אתה לומר עתה מה שאמרת לי כבר: האומר אעבוד. באחת מכל העבודות שאלו הוי מסית וחייב: המדיח. ואם מדיח את הרבים הוא אינו חייב עד שיאמר בלשון רבים נלך ונעבוד: **יא** העושה מעשה. ממש בסקילה: ולא האוחז את העינים. מראה לבריות כאילו עושה ואינו עושה כלום: שנים וכו'. במכשפו' כפינו אחד מהן לוקט וחייב מיתה. וחברו

---

דעם אנדערער (אמור מה שאמרת לי ביחוד) זאג וואס דוא האסט מיר אמאהל געזאגט פון דיא עבודת גלולים דינגען. מיר זענען דאך דא בידע אליין. דארפסטו דאך ניט מורא האבין (והלה אומר לו) אונ דער אנדערער זאגט צוא אים וואס ער האט אמאהל געזאגט צוא אים (והוא אומר לו) אונ ער ענטפערט אים (היאך נניח את אלהינו שבשמים ונלך ונעבוד עצים ואבנים) וויא אזוי זאלין מיר אוועק לאזין אונזער גאט וואס אין הימעל אונ מיר זאלין גיין דינגען האלצער אונ שטיינער (אם חוזר בו) אויב דער אנדערער האט חרטה (הרי זה מוטב) איז גוט (ואם אמר כך הוא חובותינו) אונ אויב ער זאגט אזוי דארפין מיר טאהן (וכך יפה לנו) אונ אזו איז בעסער פאר אונז (העומדין מאחורי הגדר) דיא עדות וואס שטייען אינטער דיא וואנט (מביאין אותו לבית דין) ברייגגען אים צוא בית דין (וסוקלין אותו) אונ פאר שטייגען אים (האומר אעבוד) אז איינער זאגט איך וועל דינגען עבודת גלולים (אלך ואעבוד) איך וועל גיין דינגען עבודת גלולים (נלך ונעבוד) מיר וועלין גיין דינגען עבודת גלולים. אדער ער זאגט (אזבח) איך וועל שעכטין צוא דיא עבודת גלולים (אלך ואזבח) איך וועל גיין שעכטין (נלך ונזבח) מיר וועלין גיין שעכטין. אדער ער זאגט (אקטיר) איך וועל רייכערין קטרת צוא דיא עבודת גלולים (אלך ואקטיר) איך וועל גיין רייכערין קטרת (נלך ונקטיר) מיר וועלין גיין רייכערין קטרת. אדער ער זאגט (אנסך) איך וועל גיסין וויין צוא דיא עבודת גלולים (..לך ואנסך) איך וועל גיין גיסין וויין (נלך וננסך) מיר וועלין גיין גיסין וויין. אדער ער זאגט (אשתחוה) איך וועל מיך בוקין צוא דיא עבודת גלולים (אלך ואשתחוה) איך וועל גיין מיך בוקין (נלך ונשתחוה) מיר וועלין גיין אונז בוקין (המדיח) אז ער פאר שטויסט פיל מענשין וויא זאלין דינגען עבודת גלולים (זה האומר נלך ונעבוד כוכבים) מוז ער זאגין מיר וועלין גיין דינגען עבודת גלולים: יא (המכשף) אז איינער מאכט כישוף (העושה מעשה) אז ער טוהט אזאך מיט דעם כישוף (חייב) קומט אים סקילה (ולא האוחז העינים) אבער דער וואס פאר בלענד דיא אויגין. עס זעהט אויס וויא ער האט עפעס געטאהן אונ אין אמת האט ער גאר גיט געטאהן. קומט אים ניט סקילה. רבי עקיבא זאגט פון רבי יהושעס וועגין (שנים לוקטין קישואין) צווייא מכשפים האבין געקליבען פלוצערין פון פעלד מיט כישוף (אחד לוקט פטור) איינער קלויבט אונ איז פטור. עס קומט אים ניט קיין סקילה (ואחד לוקט חייב) אונ איינער קלויבט אונ עס קומט אים סקילה (העושה מעשה חייב) דער מכשף וואס

נוקט ופטור מן המיתה . כילד. העושה מעשה שלקט ממש בכשפים חייב . והאוחז את העיני' שראה לנו כאילו נתקבלו כלן למקום אחד וסקשואי' לא זזו ממקומן . פטור מן המיתה :

פרק ח **בן** סורר ומורה. משיביא שתי שערות והוא בן י"ג שנה ויום אחד . דמקמי הכי אין השערות סימן . אלא שומא : עד שיקיף זקן התחתון . מאי זקן דאמרו רבנן . התחתון אמרו שיקיף השער סביבות הגיד : ולא העליון. זקן ממש:

העושה מעשה חייב . האוחז את העינים פטור :

פרק ח **בן** סורר ומורה . מאימתי נעשה בן סורר ומורה . משיביא שתי שערות . ועד שיקיף זקן התחתון . ולא העליון . אלא שדברו חכמים בלשון נקיה . שנאמר כי יהיה לאיש בן . בן ולא בת . בן ולא איש . הקטן פטור . שלא בא לכלל מצות :

**ב** מאימתי חייב משיאכל תרטימר

שנא' בן ולא איש. משהקיף זקן התחתון איש הוא. ואף על גב דמקטנותו הוא קרוי בן לא מייתי לחייבים מקמי שיביא שתי שערות דקטן פטור שלא בא לכלל המצות . הלכך חוייבים בתר הכי הוא . וה"ק קרא . כי יהיה לאיש בן הסמוך לגבורתו של איש בתחלת איסורו חייבים קרא . ומשהקיף זקן התחתון איש גמור הוא :

**ב** תרטימר . חלי מנה . והוא שיהיה הבשר בשיל ולא בשיל כדרך שהלסטים אוכלים

---

האט אים געריסן דיא פלוצערין אונ האט זייא צוא זאמען גילייגט . אלין מיט כישוף . קומט אים סקילה (האוחז את העינים) אבער אז דיא פלוצערין זענען נאר ניט אויסגעריסן גיווארין פון זייער ארט . עס איז נאר אפאר בלענדונג . עם דוכט זיך אז אלע פלוצערין זענען צוא זאמען גיקומען אויף איין ארט (פטור) קומט אים ניט קיין סקילה :

פרק ח א (בן סורר ומורה) אין דיא תורה שטייט אז איינער האט אקינד וואס ער איז אסורר ומורה זאל מען אים פאר שטיינען . פרעגט דיא משנה (מאימתי נעשה בן סורר ומורה) ווען ווערט ער אסורר ומורה (משיביא שתי שערות) אז ער ברייננט צווייא האר וואס עס איז אויף גיוואקסין אונטען . דאס איז אז ער ווערט אלט דרייצעהן יאהר מיט אטאג . אבער פר דרייצעהן יאהר מיט אטאג אז ער איז אסורר ומורה. הרגה מען אים ניט (ועד שיקיף זקן) פון דרייצעהן יאהר מיט אטאג ביז דיא האר וואקסט ארום וויא אבארד . אז ער איז אסורר ומורה הרגה מען אים . אבער אז דיא האר איז ארומגיוואקסן וויא אבארד אונ ער איז אסורר ומורה . הרגה מען אים ניט (התחתון) מען מיינט אונטען איז אויף גיוואקסין האר וויא אבארד (ולא העליון) אונ מען מיינט ניט דיא אויבערשטע באַרד אויף דעם פנים (אלא שדברו חכמים בלשון נקיה) נאר פאר וואס רופט מען דאס באַרד . וייל די חכמים רעדין מיט אשיינעם לשון (שנאמר) ווארום עס שטייט אין דיא תורה כי יהיה לאיש בן . אז אמענטש וועט האבין אזוהן . אונ ער וועט זיין אסורר ומורה זאל מען אים הרגנן (בן ולא בת) נאר אזוהן הרגה מען אז ער איז אסורר ומורה . אבער אז אטאכטער איז אסורר ומורה הרגה מען זיא ניט (בן ולא איש) אזוהן הרגה מען אז ער איז אסורר ומורה . אבער אז ער ווערט גירופען איש . אמענטש . אונ ער איז אסורר ומורה הרגה מען אים נישט (הקטן פטור) אז ער איז קליין . ער איז ניט אלט קיין דרייצעהן יאהר מיט אטאג . אונ ער איז אסורר ומורה הרגה מען אים ניט (שלא בא לכלל מצות) ווייל דיא תורה האט אים נאך ניט מחייב גיוועזן צו טאהן מצות : ב (מאימתי חייב) ווען דארף מען הרגנן אַן

בשר. וישתה חצי לוג יין האיטלקי. רבי יוסי אומר מנה בשר ולוג יין. אבל בחבורת מצוה. אבל בעבור החדש. אבל מעשר שני בירושלים. אבל נבלות וטרפות. שקצים ורמשים. (אבל טבל. ומעשר ראשון שלא נטלה תרומתו. ומעשר שני והקדש שלא נפדו). אבל דבר שהוא מצוה ודבר שהוא עבירה. אבל כל מאכל ולא אבל בשר. שתה כל משקה ולא שתה יין. אינו נעשה בן סורר ומורה עד שיאכל בשר וישתה יין. שני (דברים כא) זולל וסובא. ואע״פ שאין ראיה לדבר.

אוכלי׳: מן היין האיטלקי. שהוא משובח הוא דכתיב במעשה ש״י (דברים יד) וממשיך בתריה. והוא דשתי ליה מזיג ולא בבקר ובלאן וביין ובשכר. לא ממשיך: מזיג: רי״א וכו׳: ואין הלכה כר״י: אבל נבלות וטרפות שקצים ורמשים. בחבורת מצוה. בסעודה של מצוה: אבל דכתיב איננו שומע בקולנו. ולא זה שאפי׳ בעבור החדש. אע״ג דאין עולין אלא סעודה אלא בפת וקטנית בלבד ואיהו אסיק בבשר ויין. הואיל ובמצוה קעסיק לא ממשיך: אבל מעשר שני בירושלים. כיון דכדקך מצותו

בקולו של המקום ברוך הוא איננו שומע: דבר שהוא מצוה. דרבנן לאתויי תנחומי אבלים דאי מדאורייתא ה״א חבורת מצוה היינו כהנים באוכלי׳ קדשים או אכילת פסחים: ודבר שהוא עבירה. לאתויי

סורר ומורה (משיאכל תרטימר בשר) אז ער וועט עסין אהאלב פונט פלייש. אונ דיא פלייש זאל נאר זיין האלב גיקאכט (וישתה חצי לוג יין האיטלקי) אונ ער זאל טרינקען אהאלבע קווארט איטאליענער וויין. רבי יוסי זאגט (מנה בשר ולוג יין) אפונט פלייש זאל ער עסין אונ אקווארט וויין זאל ער טרינקען (אבל בחבורת מצוה) אז ער האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין אויף אסעודת מצוה. אויף אברית מילה אדער אויף אחתונה (אבל בעבור החודש) ווען דיא דיינים זיצען אונ קלערין אויב מען זאל מאכין דעם יאהר צווייא מאהל אדר. מאכט מען פאר זייא אסעודה. אונ ער איז גיוועין ביי די סעודה אונ האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין. (אבל מעשר שני בירושלים) ער הט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גטרונקען אהאלבע קווארט וויין אין ירושלים אונ דאס הט ער גיקויפט פון מעשר שני געלט (אבל נבלות וטרפות שקצים ורמשים) אדר די פלייש איז גיוועין פון אנבלה אדר פון אטרפה. אדר פון אנדרע מיאוסע זאכין וואס דיא תורה האט ניט גיהייסען עסין דיא פלייש (אויף דיא ווערטער "אבל טבל ומעשר ראשון שלא נטלה תרומתו ומעשר שני והקדש שלא נפדו" עיין תי״ט ות״יו) (אבל דבר שהוא מצוה) אז ער האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין אויף אסעודה. וואס עס איז אמצוה פון דיא רבנן מען זאל עסין דיא סעודה (ודבר שהוא עבירה) אדער ער האט גיגעסין אהאלב פונט פלייש אונ גיטרונקען אהאלבע קווארט וויין ווען עס איז אעבירה צו עסין דהיינו אין אתענית (אבל כל מאכל ולא אכל בשר) ער האט גיגעסין אלע ערליי מאכלים. נאר פלייש האט ער ניט גיגעסין (שתה כל משקה ולא שתה יין) ער האט גיטרונקען אלע ערליי משקה. נאר וויין הט ער ניט גיטרונקען (אינו נעשה בן סורר ומורה) איז ער ניט גיווארען אבן סורר ומורה מען זאל אים דארפין הרגנן (עד שיאכל בשר וישתה יין) ביז ער וועט עסין פלייש אונ וועט טרינקען וויין (שנאמר) וואָרום עס שטייט אין פסוק (זולל וסובא) ער פרעסט אונ טרינקט (ואף על פי שאין ראיה לדבר) אפילו עס איז ניטא קיין בעווייזונג צו דיזאך. אז זולל וסובא מיינט מען ער פרעסט פלייש אונ טרינקט וויין. טאמער מיינט מען אנדערע עסין אונ טרינקען זכר לדבר

זכר לדבר. שנ׳ (משלי כג) אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר למו: ג גנב משל אביו ואכל ברשות אביו. משל אחרים ואכל ברשות אחרים. משל אחרים ואכל ברשות אביו. אינו נעשה בן סורר ומורה. עד שיגנוב משל אביו. ויאכל ברשות אחרים. רבי יוסי בר רבי יהודה אומר עד שיגנוב משל אביו ומשל אמו: ד היה אביו רוצה ואמו אינה רוצה. אביו אינו רוצה ואמו רוצה; אינו נעשה בן סורר ומורה. עד שיהיו שניהם רוצים. ר׳ יהודה אומר אם לא

לאתויי סעודה לבור שאיסורו מדברי סופרים: ג גנב משל אביו ואכל ברשות אביו. אף על גב דשכיח ליה לגנוב מכל אביו. הואיל ואכל ברשות אביו. מתפחד ומתבעת מאביו שמא ירגישו ולא ממשיך: גנב משל אחרים. לא שכיח לי׳ שיוכל בכל עת לגנוב משל אחרים. ולא ממשיך: עד שיגנוב משל אביו. דשכיח ליה לגנוב בכל עת: ויאכל ברשות אחרים. שאינו מתבעת

שם מאביו דבכה״ג ודאי ממשיך: ומשל אמו. מנכסים שיש לה שאין לאביו רשות בהן. כגון שנתן לה אחר נכסים במתנה ע״מ שאין לבעלה רשות בהן. ואין הלכה כר״י בר״י: ד ראויה לאביו. שוה ודומה לאביו. בקול. במראה. ובקומה. דכתיב איננו שומע בקולנו מדלא כתיב בקולותינו ש״מ קול אחד לשניהם ומדקול בעינן שוים. מראה וקומה נמי בעינן שוים

---

אַדערמאנונג צו די זאך איז דא (שֶׁנֶּאֱמַר) וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק (אַל תְּהִי בְסוֹבְאֵי יָיִן) דוא זאלסט ניט זיין צווישען די וואס זויפען ווין (בְּזוֹלְלֵי בָשָׂר לָמוֹ) אונ צווישען די וואס פרעסען פליש. זעהן מיר דאך אז זולל וסובא מיינט מען פליש אונ וויין: ג (גָּנַב מִשֶּׁל אָבִיו וְאָכַל בִּרְשׁוּת אָבִיו) אז ער האט גינגבת געלט ביי זיין פאטער אונ הט גיקויפט פליש מיט וויין. אונ האט גיגעסען אונ גיטרונקען ביי זיין פאטער אין שטוב (מִשֶּׁל אֲחֵרִים וְאָכַל בִּרְשׁוּת אֲחֵרִים) אדער ער האט גינגבת געלט ביי פרעמדע אונ האט גיקויפט פליש מיט וויין. אונ האט גיגעסען אונ גיטרונקען ביי פרעמדע. אין דיא שטוב ווא ער האט גינגבת אדער אין איין אנדער שטוב (מִשֶּׁל אֲחֵרִים וְאָכַל בִּרְשׁוּת אָבִיו) אדער ער האט גינגבת געלט ביי פרעמדע. אונ האט גיקויפט פליש מיט וויין. אונ האט גיגעסען אונ גיטרונקען ביי זיין פאטער אין שטוב (אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה) ווערט ער ניט קיין בן סורר ומורה מען זאל אים הרגען (עַד שֶׁיִּגְנוֹב מִשֶּׁל אָבִיו) ביז ער ווערט דאס געלט זאל ער גנבענען ביי זיין פאטער. אונ קויפען פאר דעם געלט פליש מיט וויין (וְיֹאכַל בִּרְשׁוּת אֲחֵרִים) אונ עסען זאל ער אין אפרעמדע שטוב. (רַבִּי יוֹסֵי בַּר רַבִּי יְהוּדָה) זאגט (עַד שֶׁיִּגְנוֹב מִשֶּׁל אָבִיו וּמִשֶּׁל אִמּוֹ) ביז ער זאל גנבענען פון פאטערס געלט אונ פון דיא מוטערס געלט אויב דיא מוטער האט געלט וואס זיא גיהערין ניט צום פאטער: ד (הָיָה אָבִיו רוֹצֶה וְאִמּוֹ אֵינָהּ רוֹצָה) אויב דער פאטער הט גיוואלט ברייגען דעם זוהן צו בית דין. אונ דיא מוטער האט ניט גיוואלט (אָבִיו אֵינוֹ רוֹצֶה וְאִמּוֹ רוֹצָה) אדער דער פאטער האט ניט גיוואלט אונ דיא מוטער האט גיוואלט (אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה) ווערט ער אנדערש ניט אבן סורר ומורה מען זאל אים הרגען (עַד שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם רוֹצִים) ביז בידע זאלן וועלין דער פאטער אונ דיא מוטער. (רַבִּי יְהוּדָה) זאגט (אִם לֹא הָיְתָה אִמּוֹ רְאוּיָה לְאָבִיו) אויב דיא מוטער איז ניט גיוועזען גלייך צום פאטער מיט דיא דריי זאכען (אין קול. זייא האבין ניט בידע איין שטימע. אונ זיי זעהן ניט אויס בידע גלייך. אונ זייא זענען ניט בידע איין הייך. איינער איז העכער וויא דער אנדערער) (אֵינוֹ נַעֲשֶׂה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה) ווערט ער ניט אבן סורר ומורה מען זאל אים הרגען (הָיָה אֶחָד

היתה אמו ראויה לאביו. אינו נעשה בן סורר ומורה. היה אחד מהם גידם. או חגר. או אלם. או סומא. או חרש. אינו נעשה בן סורר ומורה. שנ' (דברים כא) ותפשו בו אביו ואמו. ולא גדמין. והוציאו אותו. ולא חגרין. ואמרו. ולא אלמין. בננו זה ולא סומין. איננו שומע בקולנו. ולא חרשין. מתרין בו בפני שלשה ומלקין אותו. חזר וקלקל. נדון בכ"ג. ואינו נסקל עד שיהו שם ג' הראשונים. שנא' בננו זה. זהו שלקה בפניכם. ברח עד שלא נגמר דינו. ואחר כך הקיף זקן התחתון פטור

שוים. ואין הלכה כרבי יהודה: גידם. ידו קטועה: בננו זה. משמע שמראין אותו: חרשים. אם אמר להם איני מקבל מהם. אינם שומעים אותו ואע"פ שרואים אח"כ שאינו מקיים מלותן. מ"מ התורה אמרה אינו שומע בקולנו דמשמע דבשעת הקול קאמרי דלא שמע. שמעותו שאמר איני מקבל מהם: ומתרין בו בפני שלשה. פ"ק ומתרין בו בפני ב' שלא יגניב. ואם לא שמע מלקין אותו בב"ד של שלשה כדתנן בפ"ק. מכות בג'. ויסרו אותו שאמור בבן סורר ומורה מלקות הוא. כתיב הכא (דברים כא) בן סורר ומורה. וכתיב התם (שם כה) והיה אם בן הכות הרשע: זה הוא שלקה בפניכם. ואע"ג דמבעי ליה. זה ולא סומין. אי אית' דלהכי מלתא לחוד אתא לזה הוא שלקה בפניכם. לכתוב בננו הוא. מאי בננו זה. שמעת מינה תרתי: ואח"כ הקיף זקן התחתון פטור. כיון

(אחד מהם גידם) אויב איינער פון זייא האט אפגעהאקטע הענט (או חגר) אדער ער איז לאם הינקעדיג (או אלם) אדער שטום (או סומא) אדער בלינד (או חרש) אדער טויב (אינו נעשה בן סורר ומורה) ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ותפשו בו אביו ואמו) דער פאטער אונ דיא מוטער זאלין אים אן נעמען (ולא גדמין) אז זיי האבין ניט אלע פיר הענט (נאר איינעם אהאנט איז אפ געהאקט) קענען זייא דאך אים ניט אן נעמען. ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (והוציאו אותו) זייא זאלין אים פירען (ולא חגרין) אז זיי האבין ניט אלע פיר פיס נאר איינער איז לאם (הינקעדיג). ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (ואמרו) זייא זאלין זאגין (ולא אלמין) אז איינר איז שטום אונ קען ניט זאגין ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (בננו זה) דער זוהן אונזערער. זיי ווייזן אויף אים (ולא סומין) אבער אז זייא זענען בלינד אונ קענען ניט ווייזן אויף אים. ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (איננו שומע בקולנו) מיר האבין גירעט צו אים מוסר אונ ער האט גיזאגט ער וועט ניט פאלגין (ולא חרשין) אבער אז זיי זענען טויב אונ הערין ניט ווי ער זאגט ער. וועט ניט פאלגין. ווערט ער ניט א בן סורר ומורה (מתרין בו בפני שלשה) ברייגנט מען אים צו בית דין פון דריי דיינים דער פאטער אונ דיא מוטער זאגין צו אים פאר צוויי מענטשין ער זאל דאס ווייטער ניט טאהן. אונ אויב ער פאלגט ניט (ומלקין אותו) אונ מען שלאגט אים מלקות (חזר וקלקל) אז ער האט נאך אמאהל געזינדיגט. דיא זעלביגע עבירה (נדון בכ"ג) ווערט ער געמשפט ביי דריי אונ צוואנציג דיינים (ואינו נסקל) אונ ער ווערט אנדערש ניט פאר שטיינט (עד שיהו שם שלשה הראשונים) סיידין דארטין זאלין זיין דיא ערשטע דרייא דיינים וואס האבין אים גישלאגין מלקות (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (בננו זה) דער זוהן אונזערער (זהו שלקה בפניכם) דאס איז דער זוהן וואס מען האט אים גישלאגין מלקות פאר אייך (ברח עד שלא נגמר דינו) אויב ער איז אנטלאפין איידער מען הט גיפסקנט דעם דין (ואחר כך הקיף זקן התחתון) דער נאך איז ער בעוואקסין גיווארען מיט האר ארום

פטור. ואם משנגמר דינו ברח. ואחר כך הקיף זקן התחתון חייב: **ה** בן סורר ומורה נדון על שם סופו. ימות זכאי. ואל ימות חייב. שמיתתן של רשעים. הנאה להן. והנאה לעולם. ולצדיקים. רע להן. ורע לעולם. יין ושינה לרשעים. הנאה להן והנאה לעולם. ולצדיקים. רע להן ורע לעולם. פיזור לרשעים. הנאה להן והנאה לעולם. ולצדיקים. רע להן. ורע לעולם.

דהליכ עבי'הסת' להו בר קטל הוה: ואם משנגמ' דינו ברח. הוי כגברה קטילה וחייב הפי' להחר כמה שנים: **ה** נדון על שם סופו. סוף שמכלה ממון הביו ומבקש מה שהורגל בו והינו מולה ויושב בפרשת דרכים ומלסטס הת הבריות המרה תורה ימות זכהי והל ימות חייב: הנאה להן. שהין מוסיפין לחטוה: הנאה לעולם. שקטה כל ההרץ: רע להן. שהיו מוסיפים זכיות: ורע לעולם. שהיו מג'נים על דורן ומוכיחין הת הדור: יין ושינה לרשעים. כל זמן שהוסים וישנים. הין חוטהין והין מריעין לבריות: לצדיקים רע להם. שהינם עוסקין בתורה: ורע לעולם. שבשקן מתבטלים פורענות בהם עולם: פיזור. שהן נפרדים זה מזה והין יכולים לסוען

די מילה אזוי וויא אבאורד. דער נאך האט מען אים גיחאפט (פטור) הרגת מען אים ניט (ואם משנגמר דינו ברח) אונ אויב ער איז אנטלאפין דער נאך וויא מען האט שון גיפסקט דעם דין מען זאל אים הרגנן (ואחר כך הקיף זקן התחתון) דער נאך איז ער בעוואקסען גיווארין מיט האר ארום דיא מילה אזו וויא אבאורד. דער נאך האט מען אים גיחאפט (חייב) דארף מען אים הרגנן: ה (בן סורר ומורה נדון על שם סופו) דעם בן סורר ומורה הרגת מען ווייל מען זעהט דער סוף פון אים וועט זיין שלעכט. ער וועט זיין גיוואהנט גוט צוא עסין אונ גוט צו טרינקען. אז ער וועט ניט האבין קיין געלט. וועט ער ווערין אגזלן ארוצח. האט דיא תורה גיזאגט (ימות זכאי ואל ימות חייב) ער זאל בעסער שטארבין ווען ער איז נאך גאר ניט קיין רשע. איידער ער זאל שטארבין ווען ער וועט שון זיין ארשע (שמיתתן של רשעים) וואס דיא רשעים שטארבין יונג (הנאה להן) דס איז גוט פאר זייא. זייא האבין ווייניג עבירות (והנאה לעולם) אונ עס איז גוט פאר דיא וועלט. דיא וועלט האט ניט קיין שלעכין פון זייא (ולצדיקים) אונ אז צדיקים שטארבין יונג (רע להן) דאס איז שלעכט פאר זיי. זייא האבין ווייניג מצות. אז זייא וואלטין נאך גילעבט וואלטין זייא נאך מצות גיהאט (ורע לעולם) אוי עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. זיין זכות האט בשיצט אויף דיא וועלט. אונ ער הט זייא געפירט אין גוטען וועג (יין ושינה לרשעים) אז רשעים טרינקען וויין אונ זייא ווערין אנשלאפין (הנאה להם) איז גוט פאר זיי. אז זיי שלאפין זינדיגען זייא ניט (והנאה לעולם) אונ עס איז גוט פאר דיא וועלט. אז זייא שלאפין טוהען זייא ניט קיין שלעכין צו מענטשין (ולצדיקים) אבער אז צדיקים טרינקען וויין אונ ווערין אנשלאפין (רע להן) איז שלעכט פר זיי. זייא לערנען ניט (ורע לעולם) אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. אז דיא צדיקים לערנען ניט קומט צרות אויף דיא וועלט (פיזור לרשעים) אז רשעים זענען פאר שפרייט איינער פון אנדערין אונ קענען ניט האבין שלעכטע עצות אונ קענען ניט העלפין איינער דעם אנדערין צו שלעכין (הנאה להן) איז דאס גוט פאר זיי. זייא זינדיגען ניט (והנאה לעולם) אונ עס איז גוט פאר דיא וועלט. דיא וועלט האט ניט קיין שלעכין פון זייא (ולצדיקים) אבער אז צדיקים זענען פאר שפרייט אונ ווייט איינער פון אנדערין (רע להן) איז שלעכט פאר זיי אז איינעם איז אספק אין אדין האט ער ניט ווער עס זאל אים דער קלערין דעם פשט (ורע

כנוס לרשעים. רע להן ורע לעולם. ולצדיקים. הנאה להן. והנאה לעולם. שקט לרשעים רע להן. ורע לעולם. ולצדיקים. הנאה להן. והנאה לעולם: ך הבא במחתרת. נדון על שם סופו. היה בא במחתרת. ושבר את החבית. אם יש לו דמים חייב. אם אין לו דמים פטור: ך ואלו הן שמצילין אותן בנפשן.

לסוטן ולסייע זה את זה: ך הבא במחתרת. שאמרה תורה יהרג: נדון על שם סופו. שסופו להרוג את בעה"ב אם יעמוד כנגדו להציל את שלו: אם יש לו דמים חייב. כגון האב הבא במחתרת על הבן. בידוע שרחמי האב על הבן. להכי אין הבן רשאי להרגו. ואם שבר האב את החבית חייב לשלם:

שאין לו דמים פטור. ושאר כל אדם הבא במחתרת שאם הרגו בעל הבית אין לו דמים. אם שבר את החבית פטור מלשלם. שכיון שהוא מתחייב בנפשו. פטור מן התשלומין. שאין אדם מת ומשלם: ך אלו הן שמצילין אותן בנפשם. שמצילין אותן מן העבירה. בנפשן. שניתן רשות לכל אדם להרגן. כדי להצילן מן

לעולם) אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. ווייל זייא האלטין ניט קיין עצה צו זאמען ווי אזוי זייא זאלין פירען דיא וועלט (כנוס לרשעים) אז רשעים זענען צו זאמען האלטען זייא שלעכטע עצות אונ העלפין איינער דעם אנדערין שלעכין צו טאהן (רע להן) איז שלעכט פאר זייא. זייא זינדיגען פיל (ורע לעולם) אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. זיי גנבנען אונ גזלנען (ולצדיקים) אונ אז צדיקים זענען צו זאמען (הנאה להן) איז גוט פאר זיי. איינער דער קלערט דעם אנדערין וואס אים איז אספק אין לערנען. אונ שמועסין מיט עצות אין יראת ה' (והנאה לעולם) אונ דיא וועלט האט אויך הנאה פון זיי. דיא צדיקים שמועסין עצות וויא אזוי זייא זאלין פירען דיא וועלט. עס זאל זיין שיין פאר גאט אונ גוט פאר די מענטשין (שקט לרשעים) אז רשעים זענען רוהיג. עס גייט זיי גוט אונ בגליקין (רע להן) איז שלעכט פאר זייא. זייא זינדיגען מעהר (ורע לעולם) אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. זייא קלערין נאר וויא אזוי מען זאל גנבנען אונ גזלנען (ולצדיקים) אונ אז צדיקים זענען רוהיג (הנאה להם) איז גוט פאר זייא. זיי האבין צייט צו לערנען (והנאה לעולם) אונ עס איז גוט פאר דיא וועלט. אז דיא צדיקים לערנען תורה פיל אונ טוהען מצות. אין זייער זכות לעבט דיא וועלט: ו (הבא במחתרת) אז אגנב קומט אריין ביי נאכט אין אשטוב מעג דער בעל הבית אים הרגנן (נדון על שם סופו) ער ווערט געמשפט אויף דעם סוף. ווייל דער סוף וואלט געוועז אז דער בעל הבית וואלט אים ניט געלאזט נעמען זיין פארמעגין. וואלט ער גיהרגת דעם בעל הבית. דריבער מעג דער בעל הבית אים פריער הרגנן (היה בא במחתרת) אויב דער גנב האט אונטער גיגראבין אשטוב ביי נאכט אונ איז אריין גיקומען גנבנען (ושבר את החבית) אונ ער האט צו בראכין אפאס (אם יש לו דמים) אויב דער גנב האט בוזט מען טאר אים ניט הרגנן. וואורום עס איז געווים אז ער וואלט אויך ניט גיהרגת. דהיינו אפאטער איז גיקומען גנבנען ביי אזוהן. אפאטער וועט ניט הרגנן זיין זוהן. דריבער טאר דער זוהן ניט הרגנן דעם פאטער. אויב דער פאטער האט צו בראכין אפאס אדער איין אנדער שאדין דארף ער בצאהלין (אם אין לו דמים) אויב דער גנב האט ניט קיין בלוט. מען מעג אים הרגנן. (דער גנב מיט דעם בעל הבית זענען פרעמדע) (פטור) דארף ער ניט בצאהלין אויב ער האט גיטאהן אשאדין: ז (ואלו הן שמצילין אותן בנפשן) דיא מענטשין מעג מען הרגנן אונ מען לאזט זייא ניט טאהן אעבירה (הרודף אחר חברו להרגו) אז ראובן יאגט נאך שמעון ער וויל אים הרגנן. מעג

הרודף אחר חברו להרגו. אחר הזכר. ואחר הנערה המאורסה. אבל הרודף אחר בהמה. והמחלל את השבת. והעובד כוכבים. אין מצילין אותן בנפשן:

פרק ט **ואלו** הן הנשרפין. הבא על אשה ובתה. ובת כהן שזינתה. יש בכלל אשה ובתה. בתו ובת בתו ובת בנו. ובת אשתו ובת בתה

העבירה: הרודף אחר חבירו להרגו. דכתיב אלא נערה שמאורסה (דברים כב) כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש. כן הדבר הזה. מקיש רוצח לנערה מאורסה. מה נערה מאורסה ניתן להצילה בנפשו. אף רוצח ניתן להצילו בנפשו. ונערה מאורסה נפקא לן מקרא דכתיב (שם) צעק' הנער' המאורס' ואין מושיע לה. הא יש מושיע לה חיי' להושיע' בכל דבר שיכול להציל'. ואחר הזכר. נפקא לן דא"ק (שם) ולנערה לא תעשה דבר. נער כתיב חסר ה"א זה זכר. וה"ה לכל חייבי כריתות ומיתות ב"ד שבעריות שמצילין אותן בנפשן דכתיב (שם) חטא מות חטא אלו חייבי כריתות. מות. אלו חייבי מיתות בית דין: אבל הרודף אחר הבהמה. אע"פ שדומה לעריות: והמחלל את השבת והעובד כוכבים. אע"פ שהנהו כופרים בעיקר: אין מצילין אותם בנפשם. וכ"ש שאר חייבי כריתות ומיתות ב"ד. שאף כן של עריות שאינן נצלין בנפשם. ואין מותר להרגן כלל עד שיעברו עביר' בעדי' ויהיו חייבי' מית' בב"ד:

פרק ט **ואלו** הן הנשרפין. הבא על אשה ובתה. על אשה שנשא בתה דהיינו חמותו: ובת כהן. וכן בת כהן שזנת'. היא בשרפה: יש בכלל אשה ובתה. כלומר באשה ובתה כתיבה שריפה בהדיא (ויקרא כ) ואיש אשר יקח את אשה ואת אמה וגו באש ישרפו. ומינה ילפינן כולהו הך כמי דא הנהו בשרפה: בתו. מאנוסתו דלאו

בה

מען הרגן ראובן מציל צוא זיין שמעון ער זאל ניט גיהרגת ווערין (אחר הזכר) אויב ראובן יאגט נאך שמעון ער זאל מיט אים מזנה זיין. מעג מען הרגן ראובן מציל צוא זיין שמעון פון דיא עבירה (ואחר הנערה המאורסה) אוב ראובן יאגט נאך אמיידיל וואס איינער האט איר שוין מקדש גיוועזן. אונ ער וויל מיט איר מזנה זיין. מעג מען הרגן ראובן. ער זאל ניט טאהן דיא עבירה מיט דיא נערה (אבל הרודף אחר בהמה) אבער אז ראובן יאגט נאך אבהמה ער זאל מיט איר מזנה זיין (והמחלל את השבת) אדער ער טוהט אמלאכה שבת (והעובד כוכבים) אדער ער דינט עבודת כוכבים (אין מצילין אותן בנפשן) זייא הרגת מען ניט זייא זאלין ניט טאהן דיא עבירה:

פרק ט א (ואלו הן הנשרפין) דיא מענטשין דארף מען פאר ברענגען (הבא על אשה ובתה) אז ער האט מזנה גיוועזן מיט זיין ווייבס מוטער. מיט זיין שוויגער (ובת כהן שזינתה) אונ אטאכטער פון אכהן אז זיא האט מזנה גיוועזן (יש בכלל אשה ובתה) אין דעם דין וואס דיא תורה האט גישטעלט אז מען איז מזנה מיט אווייבס אמוטער דארף מען פאר ברענגען. מיינט מען אויך (בתו) זיין טאכטער. אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אאשה. אונ זיא האט פון אים אטאכטער. אויב ער איז מזנה מיט דיא טאכטער קומט אים שרפה (ובת בתו) אונ אויב ער האט מיט דיא טאכטער ניט מזנה גיוועזן. אונ דיא טאכטער האט גינומען אמאן אויב ער איז מזנה מיט דיא טאכטערס אטאכטער. קומט אים אויך שרפה (ובת בנו) אויב ער האט מזנה גיוועזן מיט אאשה. אונ דיא אשה האט גיהאט פון אים אזוהן. אונ דער זוהן האט אטאכטער. אויב ער איז מזנה מיט דיא טאכטער קומט אים

בתה. ובת בנה. (חמותו. ואם חמותו. ואם חמיו). ואלו הן הנהרגים. הרוצח. ואנשי עיר הנדחת. רוצח שהכה את רעהו באבן או בברזל. וכבש עליו לתוך המים. או לתוך האור. ואינו יכול לעלות משם ומת חייב. דחפו לתוך המים או לתוך האור ויכול לעלות משם ומת. פטור. שיסה בו את הכלב שיסה בו את הנחש פטור. השיך בו את הנחש. רבי יהודה מחייב. וחכמים

בת אשתו היא דלחייב עליה משום בת אשתו. דהא לאו (בת) אשתו היא: בת בתו. ובת בנו. שהיו לו מאנוסתו: בת אשתו. בין שהיא בתו. בין שהיא חורגתו: וחמותו. אע"ג דתנא לה רישא בהדיא הבא על אשה שנשא בתה. ולא מדרשא אתיא. איידי דתני בסך כלנא אם חמותו ואם חמיו דאתי מדרשא תנא נמי אגב רישא חמותו בהדייהו: כבש עליו. אחז ראשו של חברו והקפו בתוך המים שלא יוכל להרים ראשו: שיסה. גירה: השיך. שאחז הנחש בידו והוליכו והגיע שיני הנחש לגוף של חברו: רבי יהודה מחייב. דסב' ארס נח' בשיניו עומד ומכיון שהגיע שיני הנחש בבשרו של חברו הוי כאילו הרגו וחייב: וחכמי' פוטרי'. דקא סברי הרס נחש מעצמו הוא מקיא הלכך לאו איהו קטלי' אלא

---

שרפה (ובת אשתו) אויב ער איז מזנה מיט זיין ווייבס אטאכטער פון איר ערשטין מאן (ובת בתה) אדער ער איז מזנה מיט איר טאכטערס אטאכטער (ובת בנה) אדער ער איז מזנה מיט איר זונס אטאכטער. קומט אים אלין שרפה (חמותו) אז ער איז מזנה מיט זיין שוויגער (ואם חמותו) אדער מיט זיין שוויגערס מוטער (ואם חמיו) אדער מיט זיין שווערס מוטער קומט אים שרפה (ואלו הן הנהרגים) אונ דיא מענטשין הרגת מען מיט אשווערד (הרוצח) אז איינער הרגת אמענטשין. הרגת מען אים מיט אשווערד (ואנשי עיר הנדחת) אויב אגאנצע שטאט מענטשין האבין געדינט עבודת כוכבים. הרגת מען זייא מיט אשווערד (רוצח שהכה את רעהו באבן או בברזל) אויב ראובן האט גיהרגת שמעון מיט אשטיין אדער מיט אאייזין (וכבש עליו לתוך המים) אדער ראובן האט איינגיבויגין דיא קאפ פון שמעון אין וואסער אונ האט אים ניט גילאזט ארויס נעמען דעם קאפ ביז שמעון איז דער טרונקען גיווארין (או לתוך האור) אדער ראובן האט איינגיבויגין דיא קאפ פון שמעון אין פייאר (ואינו יכול לעלות משם) אונ שמעון האט ניט גיקענט ארויס נעמען דיא קאפ צוריק פון פייאר (ומת) אונ שמעון איז גישטארבין (חייב) דארף מען הרגען ראובן (דחפו לתוך המים או לתוך האור) אויב ראובן האט אריין גישטויסין שמעון אין וואסער אדער אין פייאר (ויכול לעלות משם) אונ שמעון הט גיקענט ארויס גיין פון דעם וואסער אדער פון דעם פייאר. אונ ער איז ניט ארויס גיגאנגען (ומת) אונ ער איז גישטארבין (פטור) דארף מען ניט הרגען ראובן (שיסה בו את הכלב שיסה בו את הנחש) אויב ראובן האט אנגירייצט אהונט אדער אשלאנג אויף שמעון. אונ זייא האבין אים געביסין אונ ער איז גישטארבין (פטור) דארף מען ניט הרגען ראו..ן (השיך בו את הנחש) אויב ראובן האט גינומען דעם שלאנג אונ האט אים געפירט צוא שמעון. אונ האט גיעפינט דעם שלאנג דיא מויל ביז דיא ציין פון שלאנג האבין אנגינומען דאס לייב פון שמעון אונ אביס גיטאהן אונ שמעון איז גישטארבין (רבי יהודה מחייב) רבי יהודה זאגט ראובן דארף מען הרגען. וויל רבי יהודה האלט דר גיפט פון שלאנג איז אין דיא ציין. אונ וויא ראובן האט אנגערירט דיא ציין פון שלאנג צוא דיא לייב פון שמעון. איז שוין ארויס גיגאנגען דער גיפט פון שלאנג אין שמעון אונ עס האט אים גיהרגת. איז גלייך וויא ראובן וואלט אריין גיטאהן דעם גיפט פון שלאנג אין דיא לייב פון שמעון

פוטרים המכה את חברו בין באבן בין באגרוף ואמדוהו למיתה והוקל ממה שהיה. ולאחר מכאן הכביד ומת חייב. רבי נחמיה אומר פטור שרגלים לדבר: ב נתכוון להרוג את הבהמה והרג את האדם. לנפלים והרג בן קיימא. פטור. נתכוון להכותו על מתניו ולא היה בו כדי להמית על מתניו. והלכה לו על לבו והיה בו כדי להמית על לבו. ומת פטור. נתכוון להכותו על לבו והיה בה כדי להמית על לבו. והלכה לו על מתניו ולא היה בה כדי להמית על מתניו. ומת פטור. נתכוון להכות את הגדול ולא היה בה כדי להמית הגדול. והלכה לה על הקטן והיה

אלא גרמא בעלמא הוא ופטור. והלכה כחכמי': ואמדוהו למיתה. אבל אמדוהו תחלה לחיים אפי' לרבנן פטור: והוקל ממה שהיה. וחזרו ואמדוהו לחיים: שרגלים לדבר. שלא מת מחמת מכה זו: ב והיה בה כדי להמית על לבו ומת פטור. דתרתי בעינן שיהא מתכוון למכת מיתה וגם שיכנו מכת מיתה: ר"ש אומר אפי'

עהחכמים פוטרים) אונ די חכמים זאגין מען דארף ניט הרגנן ראובן. ווייל די חכמים האלטין אז דער גיפט פון שלאנג איז ביא אים אין בויך. אונ דער שלאנג ברייגט פון זיך אליין דעם גיפט אין דעם מענטש. האט דאך ניט ראובן גיבראכט דעם גיפט אין שמעון. נאר דער שלאנג (המכה את חברו בין באבן בין באגרוף) אז איינער שלאגט זיין חבר מיט אשטיין אדער מיט דעם פויסט (ואמדוהו למיתה) אונ דאקטורים האבין גישאצט אז ער וועט שטארבין (והוקל ממה שהיה) דער נאך איז דיא קראנקייט גרינגער גיווארין (ולאחר מכאן הכביד) דער נאך איז דיא קראנקייט צוריק שווער גיווארין (ומת) אונ ער איז גישטארבין (חייב) דארף מען הרגנן דעם רוצח. רבי נחמיה זאגט (פטור) מען זאל ניט הרגנן דעם רוצח (שרגלים לדבר) ווארום דס ווס די קראנקייט איז פריער גרינגער גיווארין. איז אבווייזונג אז ער איז ניט גישטארבין פון זיין שלאגין: ב ענתכוון להרוג את הבהמה והרג את האדם) ער האט גיוואלט הרגנן אבהמה אונ ער האט גיהרגת אמענטש (לנפלים) ער האט גיוואלט הרגנן אנפל. וואס ער קען ניט לעבין (והרג בן קיימא) אונ ער האט גיהרגת אזוי אקינד וואס קען לעבין (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם רוצח (נתכוון להכותו על מתניו) ער האט גיוואלט שלאגין זיין חבר אויף דיא לענדין (ולא היה בו כדי להמית על מתניו) אונ אז ער וואלט אים גישלאגין אויף דיא לענדין וואלט מען ניט גיקענט שטארבין פון דעם שלאגין (והלכה לו על לבו) אונ דער קלאפ איז גיגאנגען אויף זיין הארץ (והיה בו כדי להמית על לבו) אונ אויף דיא הארץ קען מען שוין שטארבין פון דעם קלאפ (ומת) אונ ער איז גישטארבין (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם שלעגער (נתכוון להכותו על לבו) ער האט גיוואלט שלאגין זיין חבר אויף דאס הארץ (והיה בה כדי להמית על לבו) אונ ווען ער וואלט אים טאקי גישלאגין אויף דאס הארץ וואלט מען גיקענט שטארבין פון דעם שלאגין (והלכה לו על מתניו) אונ דאס שלאגין איז ניט גיקומען אויף דאס הארץ נאר אויף דיא לענדין (ולא היה בה כדי להמית על מתניו) אונ אז מען שלאגט אויף דיא לענדין דארף מען ניט שטארבין פון אזעלכע שלעק (ומת) אונ ער איז יא גישטארבין (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם שלעגער (נתכוון להכות את הגדול) ער האט גיוואלט שלאגין אגרויסען מענטש (ולא היה בה כדי להמית הגדול) אונ אגרויסין מענטש וואלט מען ניט גיקענט הרגנן מיט דיא שלעק (והלכה לה על הקטן) אונ דיא שלעק זענען ארויף גיקומען אויף אקינד

והיה בה כדי להמית את הקטן. ומת פטור. נתכוון להכות את הקטן והיה בה כדי להמית את הקטן. והלכה לה על הגדול. ולא היה בה כדי להמית את הגדול ומת. פטור. אבל נתכוון להכות על מתניו והיה בה כדי להמית על מתניו. והלכה לה על לבו ומת חייב. נתכוון להכות את הגדול והיה בה כדי להמית את הגדול. והלכה לה על הקטן ומת חייב. ר׳ שמעון אומר אפ׳ נתכוון להרוג את זה. והרג את זה פטור: ג רוצח שנתערב ב אחרים כולן פטורין. ר׳ ידודה אוכר כונסין

אפי׳ נתכוון להרוג את זה. לאו אסיפא דמלתא דת"ק קאי אלא דקאמר ת"ק נתכוון להכות את הגדול והיה בה כדי להמית את הגדול והלכה על הקטן ומת חייב דאי הכא קאי ר"ש פוטר מבעי ליה ול"ל למיסדר ולפרושי אפי׳ נתכוון להרו׳ את זה והרג את זה הא בפירוש אמרו ת"קומאי אפי׳ אלא"ה ארישא קאי נתכוון להרוג את האדם והרג אדם אחר חייב. ועלה קאמר ר"ש אפי׳ נתכוון להרוג את זה והרג את זה פטור. והלכה כר"ש: ג רוצח שנתערב באחרים. כגון בניה שהיו עומדים ולא חן מביניהם והרג. שניהם פטורים ואפי׳ אחד משניהם מוחזק בחסידו. ובידוע שהו׳ לא זרק כהן אפ"ה לא מחייבין ליה לאידך בחזקה זו: רבי יהודה אומר כונסין אותן לכיפה. מתניתין הסורי

(והיה בה כדי להמית את הקטן) און אקינד קען מען הרגנן מיט דיא שלעק (ומת) און דאס קינד איז טאקי געשטארבן (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם שלעגער (נתכוון להכות את הקטן) ער האט געוואלט שלאגן אקינד (והיה בה כדי להמית את הקטן) און מיט די שלעק האט מען געקענט הרגנן אקינד (והלכה לה על הגדול) און דיא שלעק זענען ארויף געקומען אויף אגרויסן מענטש (ולא היה בה כדי להמית את הגדול) און אגרויסער מענטש דארף ניט שטארבן פון דיא שלעק (ומת) און ער איז יא געשטארבן (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם שלעגער (אבל נתכוון להכות על מתניו) אבער אז ער האט געוואלט שלאגן זיין חבר אויף דיא לענדין (והיה בה כדי להמית על מתניו) און אז די שלעק וואלטין געגאנגען נאר אויף דיא לענדין. וואלט מען אויך געקענט שטארבן פון דיא שלעק (והלכה לה על לבו) און דיא שלעק זענען געגאנגען אויף זיין הארץ (ומת) און ער איז געשטארבן (חייב) דארף מען הרגנן דעם שלעגער (נתכוון להכות את הגדול) ער האט געוואלט שלאגן אגרויסן מענטש (והיה בה כדי להמית את הגדול) און מען האט געקענט הרגנן אגרויסען מענטש מיט דיא שלעק (והלכה לה על הקטן) און דיא שלעק זענען ארויף געקומען אויף אקינד (ומת) און דאס קינד איז געשטארבן (חייב) דארף מען הרגנן דעם שלעגער. רבי שמעון זאגט (אפילו נתכוון להרוג את זה והרג את זה) אפילו ער האט געוואלט הרגנן דעם מענטש. און ער האט געהרגט איין אנדער מענטש (פטור) דארף מען ניט הרגנן דעם רוצ׳ (ועיין בהרע"ב ותי"ט): ג (רוצח שנתערב באחרים) ארוצח איז צוא מישט געווארען צווישען אנדערע מענטשין און מען ווייס ניט ווער עס האט געהרגט. דהיינו עטליכע מענטשין זענען געשטאנען און איינער פון זיי האט געווארפין אפייל (אדער ער האט געשאסן מיט אביקס) און ער האט געהרגט אמענטש. און מען ווייס ניט ווער עס האט געהרגט (כולן פטורין) זענען אלע פטור. און אויב אאקם האט געהרגט אמענטש. און בית דין האבן געפסקנת מען זאל דעם אקם הרגנן. און דער אקם איז צו מישט געווארין צווישען אנדערע אקסין און מען דער קענט אים ניט. דארף מען פאר שטיינען אלע אקסין: רבי יהודה זאגט מען זאל זיי ניט פאר שטיינען. נאר (כונסין אותן לכיפה) מען נעמט זיי אריין אין אשטוב און מען גיט זייא ניט עסין. און זיי פייגערין

מחסרא והכי קתני ושור שנגמר דינו שנתערב בשורים אחרים. סוקלים אותם דלא על כרחך כלהו אסורים בהנאה ואפילו הן אלף מפני זה המעורב בהן. הלכך סוקלין את כולם כדי שהתקיים מצות סקיל' במחוייב בה. [רי"א] כונסין אותן לכיפה. ואין צריך לסקלן אלא כונסין אותם לחדר. והן מתים בערב ואין הלכה כר"י: ר"ש או' בסייף. שהחנק חמור:

אותן לכיפה. כל חייבי מיתות שנתערבו זה בזה. נדונין בקלה. הנסקלין בנשרפין. רש"א נדונין בסקילה. שהשריפה חמורה. וחכ"א נדונין בשריפה. שהסקילה חמורה. אמר להן ר"ש אילו לא היתה שריפה חמורה: לא נתנה לבת כהן שזנתה. אמרו לו. אילו לא היתה סקילה חמורה. לא נתנה למגדף ולעו"ג. הנהרגין בנחנקין. רש"א בסייף. וחכ"א בחנק:

ד מי שנתחייב בשתי מיתות ב"ד. נדון בחמורה. עבר עבירה שנתחייב

וחכ"א בחנק. שבסייף חמור: ד מי שנתחייב שתי מיתות. כגון שעבר עבירה קלה. ונגמר דינו לעבירה קלה וחזר ועבר עבירה חמורה. סלקא דעתך אמינא כיון שנגמר דינו לעבירה קלה. הא גברא קטילא הוא קמ"ל: עבר עבירה שיש בה שתי מיתות. כגון חמותו. והיא אשת איש: נידון בחמור' בשריפ'. מפני שהיא חמותו ולא

פר הונגער (כל חייבי מיתות שנתערבו זה בזה) עטליכע מענטשין זענען הייב גיווארין מיתה איינער סקילה. איינער שרפה. איינער הרג. איינער חנק. און זיי זענען צו מישט געווארען מען ווייס ניט וועמען עס קומט דיא מיתה און וועמען דיא מיתה (נדונין בקלה) הרגת מען אלע מיט איין מיתה. מיט דיא גרינגסטע (הנסקלין בנשרפין) דיא מענטשין וואס מען דארף זייא פאר שטיינגען זענען צו מישט געווארין מיט דיא מענטשין וואס מען דארף זייא פאר ברענין. מען ווייס ניט וועמען מען דארף פאר שטיינגען און וועמען פאר ברענגען. רבי שמעון זאגט (נדונין בסקילה) מען זאל אלע פאר שטיינגען (שהשרפה חמורה) ווארום פאר ברענגען איז שווערער (וחכמים אומרים) און דיא חכמים זאגין (נדונין בשרפה) מען זאל אלע פאר ברענין (שהסקילה חמורה) ווארום פאר שטיינגען איז שווערער (אמר להן רבי שמעון) האט רבי שמעון גיזאגט צוא דיא חכמים (אילו לא היתה שרפה חמורה) ווען פאר ברענגען וואלט ניט גיוועז שווערער וויא פאר שטיינגען (לא נתנה לבת כהן שזנתה) וואלט מען ניט גיזאגט אז א טאכטער פון א כהן איז מזנה זאל מען איר פאר ברענגען. נאר מען וואלט איר אויך פאר שטיינגען (אמרו לו) האבין די חכמים גיזאגט צו רבי שמעון (אילו לא היתה סקילה חמורה) ווען פר שטיינגן וואלט ניט גיוועז שווערר וויא פאר ברענגען (לא נתנה למגדף ולעובד גלולים) וואלט מען ניט גיזאגט אז דער וואס לעסטערט גאט אדער ער דינט עבודת כוכבים זאל מען אים פאר שטיינגען. נאר מען וואלט אים אויך פר ברענין (הנהרגין בנחנקין) דיא מענטשין וואס מען דארף זייא הרגנן מיט א שווערד זענין צו מישט געווארין מיט דיא מענטשין וואס מען דארף זייא דער ווערגין. רבי שמעון זאגט (בסייף) מען זאל אלע הרגנן מיט א שווערד. ווארום דער ווארגין צו ווערין איז א שווערער טויט. און דיא חכמים זאגין (בחנק) מען זאל אלע דער ווערגין. ווארום גיהרגת צו ווערין מיט א שווערד איז א שווערער טויט: ד (מי שנתחייב בשתי מיתות בית דין) איינער האט גיטאהן א גרינגע עבירה. און בית דין האט אים גיפסקנת א גרינגען טויט. דער נאך האט ער גיטאהן א שווערע עבירה. און בית דין הט אים גיפסקנת א שווערין טויט (נדון בחמורה) הרגת מען אים מיט דעם שווערין טויט (עבר עבירה שנתחייב שתי מיתות) ער האט גיטאהן אזוי א עבירה וואס אויף איר קומט

ולא באשת איש שהיא בחנק: נדון בזיקה הראשונה. באותו איסור שהוחזק תחלה לאסור ולפרוע מנו וסוף נדון אבל לא באיסור שבא עליו אחרון ואע"פ שהוא חמור דקסבר רבי יוסי אין איסור חל על איסור ואפי' חמור על הקל ואם נשא בת אלמנה שהיתה תחלה חמותו כשהיתה פנויה ואח"כ נשאת נדון בשריפה ואם היתה אשת איש ואח"כ נעשית חמותו נדון בחנק כמיתה של א"א שהיתה תחלה ואין הלכה כרבי יוסי: ה. מי שלקה ושנה. שלקה שני פעמים על עבירה שחייבים עליה כרת שכל חייבי כריתות לוקים כשיחזור ויעשה אותה עבירה עצמה פעם שלישי': כונסין אותו לכיפה. מקום כשיעור קומת אדם ולא יותר. ומאכילין אותו תחלה לחם צר ומים לחץ עד שיוקטנו בני מעיו. ואח"כ מאכילין אותו שעורים שנופחות במעיו עד שכריסו נבקעת: שלא בעדים. שלא בעדות שיהיה מחויב עליה מית' ומ"מ ידוע לבית דין שהדבר אמת שבודאי הרג אלא שהוכחשו העדים בבדיקות או שלא היתה שם התראה מספקת: ומאכילין אותו לחם צר ומים לחץ. תחלה

שתי מיתות. נדון בחמורה. רבי יוסי אומר נדון בזיקה הראשונה שבאה עליו: ה מי שלקה ושנה. בית דין מכניסים אותו לכיפה. ומאכילין אותו שעורין עד שכריסו מתבקעת: ההורג נפש שלא בעדים. מכניסין אותו לכיפה ומאכילין אותו לחם צר ומים לחץ

